STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08238

GEKLIBENE VERK

H. Leivick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק פון ה. לייוויק

I

הינטערן שלאָס

לידער

1925

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

~~225 (D)~~
454/א

ה. לייוויק

הינטערן שלאָס

ל י ד ע ר

1 9 2 5

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. Lejwik — „Hintern Szłos“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno



ה. לייוויק

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פֿאַרבאָטענע,
זילבּריק בּלאָען די בּערג
נאָך פֿון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקבאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונז,
וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבּט דער שיין
פֿון דער זון דער פֿאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָטענער,
און געפֿינט ניט קיין וועג
צו דער לאַנד דער פֿאַרבאָטענער...

אין אַ שטיבל

אַ שטיבל אַ קליינס און אַ נידעריקס
אין ווייטן געפרוירענעם לאַנד;
אין שטיבל צוויי מענטשן דערשראָקענע,
זיי זיצן און וואַרטן געשפּאַנט.

און איינע אַ פרוי אַ געווינערין
גייט אויס פון געשריי צו געשריי;
ווערט רוהיק און שטיל די געווינערין —
פאַרברעכן די פינגער די צוויי.

אין דרויסן — אַ שניי און אַ פינסטערניש,
אַ שטילער אַ נאָגנדער ווינט;
דורך טרויער מוז קומען, דורך ווייטאָגן
דאָס נייע ערוואַרטעטע קינד.

עס האָבן די ווייזערס פון זייגער נאָך
די העכסטע מינוט נים דערגרייכט;
עס האָט נאָך די מוטער איר אָטעם-צוג
דעם לעצטן נאָך ניט אויסגעהויכט.

און פּלוצלינג צעזייט זיך די פינסטערניש,
אַ קלאָרער באַווייזט זיך דער שניי.
אין שטיבל צוויי מענטשן דערשראָקענע
דערהערן אַ קינדיש-געשריי...

אין אַ זיידן העמדל

אין אַ זיידן העמדל
איז דאָס קינד געבאָרן —
איז דאָס זיידן העמדל
שוין צעפליקט געוואָרן.

פרעמדע הענט אים באָדן,
פרעמדע בריסט אים זויגן;
טונקעלער און קאַלטער
ווערן זיינע אויגן.

אין דער נאַכט אין מיטן
טוט אים קיינער וויגן, —
וויינט דאָס קינד און שרעקט זיך
און עס ווערט אַנטשוויגן.

שלאָפט די פרעמדע מוטער
פון דעם קינד פון ווייטן:
— „גאַנצע נעכט איך וויג אים" —
רימט זי זיך פאַר לייטן.

נאָר דאָס קינד עס וואַקסט זיך,
הערט שוין אויף צו זויגן,
ליכטיקער און קלערער
ווערן זיינע אויגן.

ווינטשט אים יעדער גערן
גליק און לאַנגע יאָרן, —
אין אַ זיידן העמדל
איז דאָס קינד געבאָרן...

י י נ ג ל ו י ט

נאָך יינגלוויס, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
דאָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דערווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן־שווייגן —
האָב איך דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאָרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטער עלטער,
עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען...

און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וואונדערלעכעס, גרויסעס,
און מער פון מענטשן שוין ניט קענען עס פאַרבאָרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן..

איך ווייס ניט ווער, עס האָט מיך אויסדערווײלט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט, פון אַלעמען דערווייטערט;
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך, פאַר גוט עס אָנגענומען,
מיין יוגנט אין ערוואַרטונגען געלייטערט...

דער בייזער טאַטע

קינדער טומלען,
און דער בייזער טאַטע שלאָגט זיי,
קינדער וויינען,
קינדער ווערן מיד און שלאָפן,
און דער בייזער טאַטע — שלאָפט ניט.

איינגעבויגן
זיצט ביים טיש דער בייזער טאַטע.
דורך די שויבן
קריכט דער ווינט און לעשט דאָס לעמפּל.
און דאָס לעמפּל ווערט פאַרלאָשן.

איך שלאָף אויך ניט,
איך — דער שטילסטער פון די קינדער,
אויף מיין פנים
פיל איך נאָך דעם טאַטנס פינגער,
וויין איך שטיל פאַר זיך אין קישן...

פלוצלינג הער איך
אַזא הילכיק שווערן אָטעם;
עמעץ פויזעט,
טאַפּט מיט פינגער אין דער פינסטער,
וויל איך שרייען — און איך קען ניט...

טו איך תפלה,
און די צייגער מייגע קלאַפּן
און עס העלפט ניט, —
לאָז איך איבער אַלע קינדער,
שפּרינג אַראָפּ און וויל אַנטלויפן.

אין דער פינסטער
טרעף איך ניט די טיר און בלאָנדזשע
ווער געשטרויכלט,
קלאַפּ זיך אָפּ און פּאַל אַנידער
מיטן קאָפּ אַנטקעגן טאַטן...

איינגעבויגן
זיצט נאָך אַלץ דער בייזער טאַטע,
הערט קיין זאַך ניט...
זאָג איך: טאַטע, איך וועל שטאַרבן
מער וועסטו שוין מיך ניט שלאָגן!...

ליכטלעך ברענען
אויף דער ערד ביי מיין צוקאָפּן...
קינדער וויינען...
קינדער ווערן מיד און שלאָפן...
קלאָגט אַליין דער בייזער טאַטע...

טעג — זיי גייען

טעג זיי גייען, און מיט זיי
פאַרגייען צער און שרעק;
אין לענדער ווייטע ווינטערדיקע
דער זומער גייט אַוועק.

אַ ליכטיקייט אַ טונקעלע
פאַרנעמט דעם הימל-ברעג;
געבליבן נאָך אַ בלאָלעכקייט
פון זומערדיקע טעג.

אַ קאַלטע אַ געלייטערטע
די זון קוקט פון דער הויך:
אַז ווייל דעם ניי-געבוירענעם,
דעם שטאַרבנדיקן אויך...

עס רופט פון ערגעץ ווייט זיך אָפּ
אַ שניידנדיקע זעג,
און טריט פון אַן אַנטלאָפענעם
פאַריאָגטן אין געיעג.

און ווייענדיק און טרייסטנדיק
גייט ווער דיר נאָך און רופט;
און עפּעס ווי אַ סטרונע ווערט
צעריסן אין דער לופט...

אַזוי פיל גליק

טיף אין האַרץ — אַ ציטער,
מיטן האַנט — אַ דריק,
דורכן לייב — אַ שוידער,
זע: אַזוי פיל גליק!

מיטן קאָפּ — אַ שאָקל,
מיטן אויג — אַ בליק,
מיטן מויל — אַ צוזאָג, —
זע: אַזוי פיל גליק!

אין אַ שויב אַ קלאַפּ טאָן,
און — אַ שפּרונג צוריק;
שטימען, טריט, און פייער...
זע: אַזוי פיל גליק...

ס׳וועט קיינער ניט ווערן געהרגעט

ס׳וועט קיינער ניט ווערן געהרגעט,
אין קריג און געשלעגן, —
ווייל שטיל וועל איך קומען פון אַלטע
פאַרגעסענע וועגן.

וועט קיינער ניט וויסן צו לאָזן זיך
גיין מיר אַנטקעגן;
צופיס וועל איך קומען אין קליידער
צעווייקטע פון רעגן.

וועט גאָר נישט געשען און פאַסירן
אין גאַנג פון די צייטן,
ווען אַלע דערזען וועלן פּלוצלינג
מיין אויסזען זיך בייטן.

אַ מאַך מיטן האַנט וועל איך געבן,
צום ערד זיך פאַרנויגן, —
וועט יעדער דערפילן: עס ווערן
אים אָפן די אויגן.

און יעדער אין פרייד און ערשטוינונג
אין ציטער באַנומען,
וועט קוים נאָר אַ זאָג טאָן: אָ, זעט נאָר —
ער איז שוין געקומען...

מ י י נ ס

פֿון אײַן הויז אַרויס, אין דער צווייטער אַרײַן
און אומעטום וועל איך אַ גוטער גאַסט זײַן.

אַרויסגיין — אַן אָפֿענע לאָזן די טיר,
און נאָכקומען קײנער אַ הינטער וועט מיר.

און יעדער וועט וויסן: ס'איז זיכער מײַן טראָט;
אַ שטאָט וועל איך טרעפֿן — איז מײַנע די שטאָט.

און וואָס איך וועל אָנטון — וועט דאָס זײַן מײַן קלייד,
און וואָס איך וועל עסן — וועט דאָס זײַן מײַן ברויט.

און ווען איך וועל קומען וועט קײנמאָל זײַן שפּעט,
און וואו איך וועל שלאָפֿן איז דאָרטן מײַן בעט...

אין יעדנס האַרץ

איך ווייס: אין יעדנס האַרץ איז דאָ
אַ ליכטיקייט, אַ שיין;
אויף וועלכן שוועל דו זאָלסט ניט שטיין —
קלאַפּ אָן און גיי אַריין.

און גייסט אַריין, מען קוקט דיך אָן —
געדויערט עס ניט פיל:
מען האָט נאָך דיר געבענקט שוין לאַנג,
געטרויערט אין דער שטיל.

מען האָט געמיינט: ביזט אין דער פרעמד
פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט,
און ניט געוואוסט, אַז דו ביזט דאָ
געווען די גאַנצע צייט.

און ניט געוואוסט: ביזט יעדן טאָג
געגאַנגען פאַרביי זיי,
זיך איינגעהערט צו יעדנס וואָרט,
צו יעדנס אויסגעשריי.

האָסט נאָר געדאַרפט דער ערשטער זיין
אין הויז צו זיי אַריין,
און אויפוועקן אין האַרץ ביי זיי
אַ ליכטיקייט, אַ שיין....

זייט טרויעריק, מענטשן

אויף אַלע געזיכטן — מיין אויסזען,
אין אַלעמענס אויגן — מיין בליק,
מיין טרויער אין אַלעמענס הערצער,
מיין טרויער — אַן אָנזאָג אויף גליק.

אויף אַלעמענס ליפּן — מיין שמייכל,
אין אַלעמענס ווערטער — מיין פרייד;
עס האָט נאָך דער ווינט ניט צעבלאָזן
מיין אָטעם, דעם גרוס פון מיין קלייד.

אַליין בין איך ווייט אין דער פינסטער,
פאַר מיר איז דאָס פינסטערניש — ליכט;
זייט טרויעריק, מענטשן, — פאַרלירט ניט
מיין אָנבליק פון אייער געזיכט...

דו זאָלסט צו מיר...

דו זאָלסט צו מיר ניט רעדן מיט פאַרדראָס,
דו זאָלסט ביי מיר ניט פרעגן ווען און וואָס.

מסתמא האָט געדאַרפט אַזוי געשען,
און וואָס עס איז געווען איז שוין געווען.

ביים שפיגלדיקן ווין און ווייסן שיין
זאָל אַלץ פאַרגעבן און פאַרגעסן זיין.

אַזוי ווי פרישער טוי, ווי אָפּפער-ווייַן
זאָל גיסן זיך אויף מיר דער ווייסער שיין...

דו זאָלסט צו מיר ניט רעדן מיט פאַרדראָס,
דו זאָלסט ביי מיר ניט פרעגן ווען און וואָס!...

גאָרטן-בלעטער

גאַרטן-בלעטער ליגן אָנגעװאָרפענע
טרוקענע פאַרדאַרט;
עמעץ, הער איך, בעט זיך אַזױ ציטעריק:
— קום צוגײן, איך װאַרט...

אַלע בענק און װעגן פּוסט פאַרלאָזענע,
צװײ נאָר — איך און דו;
פאַר די הענט זיך האַלטנדיק, דערשראָקענע,
זוכן מיר זיך רו.

דורך די צװײגן פון דערװײטן זעען זיך
לאָמפּן אַלערלײ; —
דאַרפן מיר קײן לאָמפּן ניט, נאָר שאָטן-רו,
שאָטן-רו פאַר צװײ...

אַ שטיקל פּאַפּיר

מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט זען מער,
דיין קאַלטקייט זי האָט מיך פאַרטריבן;
דיין וואוינונג ווען איך וואָלט געוואוסט דאָך
אַ בריוול וואָלט איך דיר געשריבן.

פון זיך וואָלט איך גאָרנישט דערציילן,
פון דיר וואָלט איך גאָרנישט פאַרלאַנגען;
צו וואָס זיך דערמאָנען אָן זאַכן,
וואָס זענען פון לאַנג שוין פאַרגאַנגען?...

איך וואָלט אויפגעשריבן דעם דאַטום,
און אונטערן דאַטום — מיין נאָמען:
זאָל וואַלגערן ערגעץ ביי דיר זיך
אַ שטיקל פּאַפּיר מיט מיין נאָמען...

צו דיין הויז

צו דיין הויז בין איך געגאַנגען,
צו דיין הויז,
בין געווען אַריינגעגאַנגען,
און אַרויס.

האָב דערוואוסט די טירן אָפן,
פּוסט די הויז;
שאָטנס האָבן שטיל געשלאָפן,
שפּיל דורכאויס.

בין אַריין צו דיר אין צימער
אַ מינוט...
און מיט אַלע שטילע שאָטנס
אָפּגערוט.

מיט אַ דאַנק אויף מיינע ליפּן
בין אַרויס,
און געבענטשט דיך פון דער ווייטן
און דיין הויז...

פאַרלעשט אַלע פייערן

פאַרלעשט אַלע פייערן, פינסטער זאָל זיין
און זיצט שטילערהייט;
מען זעט קיין לויה, נאָר ערגעץ, איך פיל,
איז עמעצער טויט.

אין פענסטער אַ שאָטן האָט זיך דורכגעשלייכט
געגנבעטערהייט;
און אויב ס׳איז נאָך קיינער געשטאָרבן, וועט באַלד
זיין עמעצער טויט.

פאַרלעשט אַלע פייערן, זיצט אויף דער ערד
אין טרויער געקליידט:
צוריק ניט אַליין גייט דער שאָטן פאַרביי, —
ער גייט זאַלבעצווייט...

מאָרגן-שיין

ברענען ליכטלעך אין די לייכטער,
שטיל אין הויז,
טוט אַ האַנט אַ דריי די ליכטלעך,
לעשט זיי אויס.

רירט זיך צו צו זיי אַ צווייטער,
צינדט זיי אָן —
ליגט די מאַמע אין תכריכים
אָנגעטאָן.

זיצט דער טאַטע, ניט ער קערט זיך,
ניט ער קלאָגט;
עפּעס זאָגט ער, קיינער ווייסט ניט,
וואָס ער זאָגט.

קומט אַריין ווער און די רגע
גייט אַרויס —
דרייט זיך ווידער אויס אַ ליכטל
לעשט זיך אויס.

דורך דעם האַלב-פאַרמאַכטן פענסטער
קוקט אריין
ווייס און רויט דער מאָרגנשטערן,
מאָרגן-שיין . . .

נאָך אַלעמען

שוין אָפּגעזאָגט דער דאָקטער האָט דאָס לעבן,
און וואָס עס האָט געמוזט איז שוין געשען:
דאָס אויג — פאַרמאַכט, די הענט און פיס — פאַרגליווערט,
עס וועט ניט זיין שוין מער וואָס איז געווען...

שוין אָפּגעהויבן צו דער ערד דעם טויטן
און אומגעדרייט די שפּיגלען צו די ווענט;
שוין אָפּגעקלאָגט האָט דער, וואָס דאַרף באַוויינען,
די ליכט צוקאָפּנס אַלע אויסגעברענט.

געווען שוין די לויה, שוין פאַרשאָטן,
אַ ברעטל אינעם פרישן זאַמד געשטעלט,
צוריק געבראַכט אין טהרה-שטוב די מטה
און רוהיק, שטיל, ווי קיינער וואָלט געפעלט.

נאָך אַלעמען. שוין אומגעקערט אַ היים זיך.
מען וואַשט די הענט, מען עסט דעם אָוונט-ברויט,
מען בלייבט אַזוי זיך זיצן אין די זאָקן,
און רוהיק, שטיל. די מערב-זון פאַרגייט...

אַ חלום

איך האָב געזען אין חלום היינט מיין מאַמען
מיט אויסגעוויינטע אויגן.
אין קראָם איז זי געזעסן אויפן גאַניק,
דער קאָפּ צום ערד געבויגן.

אין שויס געלעגן איז דער קליינער ברודער מיינער,
געזוכט די ברוסט צו זויגן,
און ס׳האָט דאָס קינד קיין טראָפּן מילך געפונען, —
די ברוסט איז איינגעצויגן.

עס האָט דאָס קינד געוויינט, געוויינט — ביז וואַנען
איז שטום געבליבן ליגן.
די מאַמע האָט געהערט דעם קינדס געוויינען,
געזעסן און געשוויגן...

אַ גוי מיט געלט אין האַנט אַריין אין קראָם איז,
געבעטן ברויט פאַרקויפן,
ער האָט געמיינט: די מאַמע וועט ווי שטענדיק
מיט פרייד אַנטקעגן לויפן.

נאָר האָט פון אָרט די מאַמע ניט גערירט זיך,
אַזוי ווי זי וואָלט שלאָפן, —
געגעבן נאָר אַ קוק אַזאַ שטומען,
איז ער פון שרעק אַנטלאָפן...

שלאָף, שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער פאַסטוך פאַריאָגט האָט זיין שאָף,
דער פאָטער פאַרלאָזט האָט זיין קינד,
געלאָזט אין דער פרעמד אויפן ווינט.

וואָס טוט מען: ס'איז קיינער ביטאָ?
איך וויג דיך אַ שעה נאָך אַ שעה,
איך צי אַלץ פון וויגל די שטריק
אַהער און אַהין און צוריק.

לו, לו, לו,
דער ווינט קען ניט שלאָפן ווי דו;
עס בלאָנדזשען אום פרירענדע וועלף,
און עמעץ בעט רחמים זיך: העלף...

וואָס טוט מען: אַז עמעצער שרייט?
ער שרייט און הערט אויף מיט דער צייט,
די צייט איז אַ רגע צי צוויי —
פאַריאָגט האָט דער ווינט דעם געשריי...

וואָס טוט מען: ס'איז קיינער ביטאָ?
איך וויג דיך אַ שעה נאָך אַ שעה,
אַזוי ווי אויף אַלץ קומט אַ סוף
וועט קומען אויף אונז אויך אַ שלאָף...

קײנער װעט ניט קומען

קײנער װעט ניט קומען,
ס'איז אומזיסט צו װאַרטן:
אַלע האָבן מורא
פאַר דעם אײנגעשפּאַרטן.

לאָז אַראָפּ דעם פײער,
צײט זיך שלאָפן לײגן;
ליג און חלום, חלום
מיט פאַרמאַכטע אױגן.

אַלע זענען אײנזאַם
מער באַך — די װאָס װאַרטן.
קײנער װעט ניט קומען
צו דעם אײנגעשפּאַרטן...

קלאַפּט אַ ווינט

קלאַפּט אַ ווינט אין שויב,
און אין שטוב איז שטיל,
און אין שטוב איז שטיל אַזוי ווי אין מיין האַרץ . . .

טו איך וואָס איך וויל.
איז מיין קאָפּ צום טיש געפאַלן,
הויב איך אויף מיין קאָפּ און קוק אַרויס,
קוק אַרויס אין גאַס . . .

טוט אַ קלאַפּ די טיר —
זאָג איך: קומט אַריין,
זאָג איך: קומט אַריין, מיך אַרט ניט ווער . . .
צרן אַרט מיך יאָ,
נאָר קיינער קומט דאָך ניט —
זאָג איך: „זאָל שוין זיין אַזוי ווי ס'איז . . .

פלוצלינג שפרינג איאיוךף
גיי ארויס אין גאס,
גיי ארויס אין גאס און קום צוריק
מיט געקויפטע ניס. —
האב איך ניס געקויפט?
פאר וועלכן גאסט?
בין איך דען געגאנגען קויפן ניס?

ליגן ניס און ווינטרויבן —
אפשר גיין נאך וויין?
אפשר גיין נאך וויין וואס שנעלער?
שפרינג איך ווידער אויף,
לויף ארויס אין גאס,
לויף ארויס אין גאס און קום צוריק
מיט א פלעשל וויין...
האב איך וויין געקויפט?
פאר וועלכן גאסט?
בין איך דען געגאנגען קויפן וויין?

קלאפט א ווינט אין שויב,
און אין שטוב איז שטיל,
און אין שטוב איז שטיל אזוי ווי אין מיין הארץ...

די וועלט איז גרויס

די וועלט איז גרויס, אויך מיר — מיר זענען גרויס,
און אייביק איז דער טאָג פון אונזער לעבן;
מיר דאַרפן נאָר אַ וואונק אַ קליינעם געבן —
דער מוטערס האַנט אַנטקעגן אונז וואַקסט אויס.

אַליין די מוטער איז שוין ווייט פון אונזער הויז,
זי איז אַוועק און האָט אונז אַלע זינד פאַרגעבן,
געלייגט זיך רוען אין דער ערד ניט ווייט דערנעבן
שוין וואָכן-לאַנג, און קומט ניט מער אַרויס...

געבליבן זענען מיר פון אַלע זינד איצט ריין,
וועט יעדער זיך פון אונז אַוועקלאָזן אַליין,
פאַרענדיקן דעם טאָג פון אונזער לעבן

און ווען מיר וועלן מיד ווערן פון גיין —
צונויפזאַמלען וועט אונז די מוטערס האַנט אַליין
און אויסלייגן אונז שלאָפן איר דערנעבן...

אַ פּראָסטיקער ווינט

אַ קאַלטער, אַ פּראָסטיקער ווינט האָט געבלאָזן,
ווען איך האָב מיין היים אין אַן אָוונט פאַרלאָזן.

די טירן און פֿענסטער אויף אייביק פאַרשלאָגן,
און גיין זיך געלאָזט נאָך אַ הילצערנעם וואָגן.

אַ הינטערן שטאָט זיך געזעצט אינם וואָגן
און פייל אויסן בויגן געגומען זיך טראָגן.

געגומען זיך טראָגן, די בענקשאַפט פאַרטרייבן,
מיין בענקשאַפט זאָל אויך אין דער היים איבערבלייבן.

אָט איז שוין דער וועג און דער וואַלד ביי די זייטן;
עס קומט אָן א ציטעריק עכאָ פון ווייטן.

עס טראָגט זיך דער עכאָ נאָך מיר נאָכן וואָגן,
אַזוי ווי די בענקשאַפט נאָך מיר וואָלט זיך יאָגן...

לייוויק I (3)

וואוהין.

— וואוהין זאָג, וואוהין און צו וועמען
געלאָזן אין וועג זיך אַליין?
דער טאָג וועט קיין מייל שוין ניט נעמען,
די זון וועט אין מערב פאַרגיין.

— מיך פירן די שטויביקע וועגן, —
די ווייסן וואוהין שוין אַליין;
דער אָוונט — איך גיי אים אַנטקעגן
ביז וואַנען אויך ער וועט פאַרגיין.

— דו האָסט נאָך קיין האָר אויף די באַקן,
קיין קנייטש אויפן שטערן ניטאָ.
וועט פּיין און געבויגענעם אַקן
דיר ברענגען די טרייסטנדע שעה...

— יאָ, ווייט איז די שעה, וואָס דאַרף קומען,
די שעה צון דערלייזונג און טרייסט;
דער טרויער, וואָס איך האָב פאַרנומען,
האָט מיך נאָך אַליין ניט דערלייזט.

— ביזטו דאָך אָט דער, וואָס דאַרף קומען
אונז ברענגען דערפרייאונג און טרייסט?...
— יאָ, איך בין דאָס דער, וואָס דאַרף קומען
און בין נאָך אַליין ניט דערלייזט...

די נאַכט איז פינסטער

די נאַכט איז פינסטער
און איך בין בלינד,
עס רייסט דעם שטעקן
פון האַנט דער ווינט.

ס'איז פוסט מיין טאָרבע,
מיין האַרץ איז לער,
און ביידע — איבריק,
און ביידע — שווער.

איך הער אַן אָנריר
פון עמעצס האַנט:
— גיב לאָמיר טראָגן
דיין לאַסט באַנאַנד.

מיר גייען צווייען.
די וועלט איז שוואַרץ:
איך טראָג די טאָרבע,
און ער —מיין האַרץ...

אויפן זאמד

אויפן זאַמד אין מיטן וועג
ליג איך אויסגעצויגן;
ווייסער שיין, לבנה-שיין
לייכט מיר דורך די אויגן.

און אַ ווינטל פלאַטערט שטיל
איך בין מיד, אַלץ מידער,
וויל זיך שטעלן קען איך ניט,
פאַל צוריק אַנידער.

צוגעוואַקסן צו דער ערד
ווי מיין האַרץ צום טרויער;
דרייט זיך איינער אַרום מיר,
טרייסט מיך: ניט באַדויער...

גוט איז מיר. אַ ווייסע האַנט
זע איך אויסגעצויגן;
טויטער שיין, לבנה-שיין
לייכט מיר דורך די אויגן...

זע איך

זע איך: גייט אַ מענטש פאַרביי,
גיט זיך מיר א נויג,
קער איך אָפּ דעם קאָפּ און קוק, —
גלויב איך ניט מיין אויג:

זיין געזיכט — ווי מיין געזיכט,
איז דאָס אפשר: איך?
אויפן מיטן וועג אין נאַכט,
שטיי איך, קוק אויף זיך...

פול מיט שרעק פון צופיל זען
און פון זיך אַליין,
קוק איך, וואַרט — וועט אפשר ווער
באַלד פאַרביי מיר גיין?

קומט ניט קיינער, פוסט דער וועג,
שטערן שיינען קאַלט,
שטיי איך אין דעם טויטן שיין
מיר אַנטקעגן — מיין געשטאַלט...

ווייט צו די וואָלקנס

די וואָלקנס אין הימל זיי יאָגן און יאָגן,
אין ערגעץ אַ זייגער האָט צוויי שוין געשלאָגן. —

אין ערגעץ אַ זייגער האָט צוויי שוין געשלאָגן —
וועט באַלד דאָך אינגאַנצן שוין אָנהויבן טאָגן.

וועט באַלד דאָך אינגאַגצן שוין אָנהויבן טאָגן —
איך וועל שוין דעם דרימל אַזוי איבערטראָגן.

איך וועל שוין דעם דרימל אַזוי איבערטראָגן,
זיך וויגן אין ערגעץ אַ ווינקל פאַרשלאָגן.

זיך וויגן אין ערגעץ אַ ווינקל פאַרשלאָגן
און זיך און די וועלט אין די וואָלקנס פאַריאָגן...

אין דער טיפעניש פון נאַכט

אין דער טיפעניש פון נאַכט אַ באַוועגונג מאַכט מיין האַנט,
קיינער ווייס ניט ווען זע איך, ווען זוך איך אין דער נאַכט;
איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן און זיי ווידער צוגעמאַכט,
און פאַרפאַלן איז געוואָרן אַ באַוועגונג פון מיין האַנט;
איך אַליין אויך ווייס ניט ווען און וואָס זוך איך אין דער נאַכט,
און צו וועמען איז געווען די באַוועגונג פון מיין האַנט...

אין דער טיפעניש פון נאַכט בין איך איינזאַם און אַליין,
פון דער גאַנצער וועלט אַ סימבאָל אין דער נאַכט איז מיין געשטאַלט,
און ווי אַלט עס איז דאָס לעבן, בין איך אויך אַזויפיל אַלט;
ווייל איך לויפן, זיך באַהאַלטן פון דער וועלט — פון זיך אַליין —
ווערט אַלץ גרעסער, ווערט אַלץ גרעסער אין דער פינסטער מיין געשטאַלט,
און ניטאָ וואוהין צו לויפן פון דער וועלט — פון זיך אַליין...

ביז וואַנען...

ביז וואַנען די רגע וועט קומען
פאַרגיין וועלן יאָרן,
ביז וואַנען מיין פריידיקע לייכטקייט
וועט ווערן געבוירן.

ביז דאַן וועל איך איינזאַם און פרעמד זיין,
פאַרטיפט און באַהאַלטן
פון זיך און פון מענטשן אין נעבל
פון ווייטע געשטאַלטן.

און זיין ווי א קינד אומבאַהאָלפן,
פאַרשעמט און אָן ווילן,
אַמאָל — אין פאַראַכטונג, אַמאָל אין פאַרגעבונג
מיין זעלע פאַרהילן...

הינטער'ן שלאָס

די שויבן פאַרמויערט...

די שויבן פאַרמויערט,
געפרווירן די ווענט;
ביים טיר הענגט אַ לעמפּל,
קוים, קוים וואָס עס ברענט.

איך ליג אונטער צודעק
פון גראָען געוואַנט,
און קוק אויף איין פינטל
אַנטקעגן דער וואַנט.

האָב אַלץ שוין פאַרגעסן,
פון זיך בין איך ווייט;
ווער ווייס, אפשר האָט מען
מיך לאַנג שוין באַפרייט?...

און אפשר געשטאָרבן
בין איך, און ביים טיר
דאָס לעמפּל ברענט יאָרצייט,
ברענט יאָרצייט נאָך מיר?...

וועכטער

וועכטער, גיי און לייג זיך שלאָפֿן,
נעם דיין אויג אַראָפּ פֿון טיר:
נאַכט געגעבן איז אויף רוען
ווי פֿאַר מיר, אַזוי פֿאַר דיר.

שטעל אַוועק דיין ביקס ביים טויער,
שפּאַר זיך אָן דעם קאָפּ אָן טיש;
פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין
טוען וויי דאָך דיינע פֿיס.

קיינער וועט אַהער ניט קומען
און פֿון דאַנען ניט אַרויס;
אין אַ קרייז אַרום מיין בעטל
טאַנצט אַרום אַ שוואַרצע מויז.

טאַנצט אַרום און שפּרייט אויס נעצן,
כשוף־קרייזן אַרום מיר,
בין איך שוין פֿאַרכשופֿט, וועכטער,
נעם דיין אויג אַראָפּ פֿון טיר...

ניטאָ מער קיין טרערן

ניטאָ מער קיין טרערן
און אויך קיין געלעכטער;
איז מאַכטלאָז דער גוטער,
אַזוי אויך דער שלעכטער.

די לייבער צעשמיסן
מיט אייזערנע ריטער;
און ווער עס האָט מורא,
דער חנפעט דעם היטער...

מיר אַלע — ווי שאָטנס
אין קאַמער אין טויטן...
און שרעקט אייך די שטילקייט,
טאָ — טרייסלט די קייטן!...

די נאַרע איז קורץ

די נאַרע איז קורץ,
נאָר שלאָפן מוז יעדער זיך לייגן, —
לייגט איינער די פיס
דעם צווייטן אַרויף אויף די אויגן.

און איינער דעם קאָפּ
שפּאַרט אָן צו דעם אַנדערנס קייטן;
די נאַרע איז ענג —
מוז יעדערער האַלטן דעם צווייטן...

בין שולדיק, בין שולדיק

די טויערן אַלע פֿאַרשלאָסן,
די טירן מיט אייזנס פֿאַרריגלט;
אַ האַנט אַ געהיימע מיין שטערן
מיט בלוטיקע צייכנס באַזיגלט.

און עמעצנס קול מיט אַ בייזער
פֿאַרשיט מיך מיט ווערטער ווי שלאַנגען:
ער וואַרפֿט מיר אין פּנים פֿאַרברעכן,
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט באַגאַנגען.

אומזיסט מיינע טענות, באַווייזן,
איך ווער אומטערטעניק, געדולדיק;
מיט ליפּן צוזאַמענגעדריקטע
איך מורמל: בין שולדיק, בין שולדיק...

פון ווינקל צום ווינקל

פון ווינקל צום ווינקל, פון פענסטער צום טיר,
געשריבן, געמעקט און צעריסן;
געזעצט זיך, געלייגט זיך, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ,
די אויגן צום באַלקן פאַרריסן.

שוין נאַכט. ניט מיין דאגה. איך קער ניט דעם קאָפּ
און וויל ניט די אויגן פאַרשליסן;
מיין שכן — ער שלאָפט זיך, דער פּנים צום וואַנט,
און מיינע — צום באַלקן פאַרריסן...

ביז די ברעם

פלוצלינג אויף דעם וועכטער פאַלט אַן אימה
און ער קען די אימה ניט פאַרטראָגן, —
רייסט ער אויף די טירן פון מיין קאַמער
און ער נעמט מיך אָן אַ זינען שלאָגן.

שטיי איך אַ פאַרגליווערטער און שריי ניט,
קוק אים טיף אַריין אין ביידע אויגן;
ווערט ער פון מיין שווייגן אויפגערעגטער,
הייסט מיך אויפן הוילן ערד זיך לייגן.

לייג איך זיך און ליג ווי אָן אַן אָטעם,
האַלט איין ברעם פון אויג אַביסל אָפן,
און דער וועכטער טרעט אויף מיר און שלאָגט מיך,
ביז די ברעם ווערט לאַנגזאַם איינגעשלאָפן. .

עמעצער זאָגט מיר

עמעצער זאָגט מיר: זײַ שטיל,
ליג אָדער זיץ אין דער שטיל.
ווערט דיר די שטילקייט צו לאַסט —
וויין, אָבער וויין ניט צופיל.

מיין ניט דו ווייניסט, וואָס דו וויינסט,
וויינסט אין דער וועלט גלאַט אַזוי.
קוקסט אויף די פלעקן פון וואַנט,
ווילסטו גאָר לאַכן צו זיי...

צייל זיך די ברעטער פון דיל,
מעסט וויפיל טריט האָט דיין צעל;
וואַלגער זיך מער ניט ביים טיר
קושן דעם שמוציקן שוועל...

קוק פון דער זייט זיך ביים וואַנט,
ווער גייט אַרויס, ווער אַריין;
ביסט ניט דער ערשטער אין צעל,
וועסט ניט דער לעצטער אויך זיין...

דאַכט מיר

דאַכט מיר, אייביק וועל איך זיצן
איינגעשמידטערהייט;
קיינמאָל קען איך ניט דערהיטן,
ווי די זון פאַרגייט.

פּלוצלינג קומט די נאַכט, באַפאַלט מיך
ווי אַ וואָלף זיין רויב,
טרעט מיך פריער אויס, פאַרשמוציקט,
קייקלט אויס אין שטויב.

ליג איך, גיב פון צייט צו צייט ווען
מיט אַ האַנט אַ הויב,
בלייבט עס שאָטנלאָז; איך זע ניט
זיך אַליין אין שטויב...

ביכער געלעזענע

ביכער — געלעזענע,
בריוו — אויפגעשריבענע;
אַלט איז דאָס טאָג-ביכל, —
בלעטלעך צעריבענע.

קעפּ — אָפּגעשאָרענע,
קליידער — צעריסענע,
אויגן — פאַרלאָשענע,
לייבער — געשמיסענע...

קלינג-קלאַנג

קלינג-קלאַנג, טאַנץ איך מיר
מיט די קייטן אויף די פיס;
מיטן שוואַרצן ברויט אין האַנט,
גיב אַ טאַנץ און גיב אַ ביס;
מיטן קריגל טיי אין האַנט,
גיב אַ טאַנץ און גיב אַ טרונק;
וועכטער צו און וועכטער אָפּ, —
איך פאַרשטיי אים אויפן וואונק...

ער זעט קיינמאָל ווי איך טאַנץ, —
טויזנט אויגן קוקן דאָך;
קעפּ אויף קעפּ און הענט אַ וואַלד,
הענט זיי רופן: „גיך און נאָך"...
אָט פון אונטער בעטל קריכט
אַ באַהאַלטענער אַרויס,
קלאַפּט די גראַטן, צימבלט, פויקט:
— העכער! העכער! שרייט ער אויס.

העכער, העכער טאַנץ איך מיר,
יאָרן זיצן דאַרף איך דאָ;
רייס איך אויס אַ גראָע האָר —
ווערט צוריק אַ צווייטע גראָ;
רייס איך צוויי און רייס איך דריי,
און אַ טאַנץ נאָך יעדן ריס,
טו אַ טאַנץ און טו אַ קלונג
מיט די קייטן אויף די פיס...

אין הויף איז אַ שטורם

אין הויף איז אַ שטורם, די לאָמפּן פאַרלאָשן,
דער וועכטער זיצט ערגעץ באַהאַלטן.
כ'האָב מורא צו קוקן אין פענסטער, עס רייצן
מיט מיר זיך געזיכטער — געשטאַלטן.

כ'האָב מורא צו קוקן אין פענסטער, דאָרט זע איך
אַ פּנים אַזוי ווי אין שפּיגל;
צוויי אויגן פאַרגאָסן מיט טויטלעכער בלייכקייט,
און הענט ווי צוויי בלייערנע פליגל.

און קער איך אַוועק זיך צום וואַנט פון דער פענסטער —
אַזוי אויך דער פּנים פון שפּיגל;
פאַרברעך איך די הענט און פאַרלייג אויפן האַרצן —
פאַרבראָכן אויך ווערן די פליגל . . .

אין הויף איז אַ שטורם, מען קלאַפּט אין די שויבן
אַזוי ווי מיט אייזערנע פינגער,
געשטאַלטן פיל-קעפּיקע גלאָצן די אויגן
און שטעלן אַרויס מיר די צינגער . . .

איינגעשמידטע זענען מיר

איינגעשמידטע זענען מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אָנגעשפּאַרטערהייט בײַם טיר
שטייען מיר און וואַרטן אויף אַ װאונדער:

פּלוצלינג איינער שטילערהייט
עפנען װעט אַלע טירן,
װעט צערייסן אונזער קייט,
אונז פון תּפיסה אַרויספירן.

װעט אונז פירן פאַרן האַנט
איבער װעלדער, איבער גרויסע ימען,
צו אַ ווייטער, ווייטער לאַנד, —
און אַ היים אונז ברענגען, צו דער מאַמען...

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט
און אונטער זיך פאַרבויגט די פיס, געזעסן;
האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט, דערלאַנגט דעם ברויט,
פון גאַנצן שטיק געבראָכן און געגעסן.

מיך האָט געעקלט לאַנג פון שוואַרצן ברויט,
נאָך מער — פון זיצן וואַכעדיק ביז מאָרגן;
אויף ביידע קני פאַרלייגט האָב איך דעם קאָפּ,
געגוויטערהייט געקייט און זיך געוואָרגן.

און ווערגנדיק זיך, זיצנדיק אַזוי,
האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן, טאָגן;
די טיר האָט זיך געעפנט און אַ האַנט
האָט נאָך אַ ברויט אַזאַ געבראַכט צוטראָגן...

גנבע ארויס מיך

גנבע אַרויס מיך פֿון קאַמער צו דיר אויף איין טאָג,
איין איינציקן טאָג.
וועט עמעץ דיך פֿרעגן: ווער איז אין דיין הויז?
— אַ דורכגייער, זאָג.

פֿאַרמאַך אַלע פֿענסטער, מיט שוואַרצן פֿאַרהענג —
אַ סימן פֿון קלאָג;
וועט עמעץ דיך פֿרעגן: ווער איז אין דיין הויז?
— אַ גוססער, זאָג.

וועל זיצן און שווייגן, נאָר קוקן אויף דיר,
און קושן דיין קלייד;
וועט עמעץ אַ קלאַפּ טון — פֿאַרדעק מיר דעם קאָפּ
און זאָג: ער איז טויט...

י ע ז ו ס

איינגעדעקט ביז איבער האַלז אין גראָען ליגן זיי און שלאָפֿן,
קעפּ צו קעפּ און הענט צו הענט, די פיס צום פענסטער אויסגעצויגן;
איבער זיי אין ווינקל ערגעץ איינגעוועבט אין שפּינוועבס
יעזוס אויף אַ צלם הענגט, דער מויל צעקרימט און צוגעמאַכט די
אויגן.

דורכגעלעכערט ביידע הענט און פיס און צוגעקלאַפּט מיט בעגל,
דאַר און נאַקעט הויל דער גאַנצער גוף, די שאַנדע ניט פאַרבאָרגן,
אונטן אויף אַ קייטל שאָקלט זיך אַן אויסגעטרוקנט לעמפּל, —
ניט געוועזן קיין איינער, ווער עס זאָל מיט בוימל און אַ קנייטל
עס באַזאָרגן.

איינגעדעקט ביז איבער האַלז אין גראָען ליגן זיי און שלאָפֿן
כאַפּט זיך ווען ניט ווער אויף — ער צלמט זיך און גייט זיך
ווידער לייגן·
יעזוס הענגט אַליין אַ נאַקעטער, אַן איינזאַמער אין
איינגעשטויבטן ווינקל,
די פיס פאַרדרייט, דער קאָפּ פאַרקרומט און צוגעמאַכט די אויגן...

זייט געזונט

זייט געזונט, זייט געזונט,
מאָרגן פאָר איך אָפּ;
כ'האָב שוין אויפגעגייט אַ זעקל,
אָפּגעשערט דעם קאָפּ.
האָב באַקומען שוין אַ גאַרטל,

צוגעגייט צום קייט,
און זיך שוין מיט אַלע שכנים
דורכן וואַנט צעשיידט.

האָב אַ היים אַוועקגעשריבן
שוין דאָס לעצטע בריוו;
מאָרגן וועל איך זיין שוין ווייט-ווייט
ערגעץ אויף אַ שיף . . .

איבער וועגן

איבער וועגן לאַנג שוין אָפּגעזוימערטע
אונטער הימלען גרויע און פֿאַרקימערטע,
גייען מענטשן, גייען איינגעבויגענע,
פֿרויען — קראַנקע, קינדער — ניט געזויגענע.

דורך די אַלטע קליידער די צעריסענע
שטיקער לייבער זען זיך צעביסענע,
אַלע אויגן טונקעלע, פֿאַרלאָשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערן אָנגעגאָסענע.

קיינער שטעלט אין וועג זיך ניט אַנטקעגן זיי,
וואו ווי ווייט איז זייער היים צו פֿרעגן זיי;
זיי אַליין אויך — קיינער רעדט צום אַנדערן,
שוין פֿאַרגעסן פֿון ווען אָן זיי וואַנדערן.

גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפֿגעקליבענע,
איבער גוואַלד פֿון זיך אַליין געטריבענע,
גייען מענטשן, גייען איינגעבויגענע,
שלעפֿן זיך מיט קינדער ניט געזויגענע.

גוט אַזוי

איך בין ניט קראַנק, נאָר עפּעס אין מיין האַרץ
שטאַרבט אָפּ פון זיך אַליין...
פאַפיר אַ שטיקל האַלט איך אין מיין האַנט:
„איך קום ניט מער צוגיין"...

איז גוט אַזוי. פאַרקלאַפּט די לעצטע שויב,
די לעצטע טיר פאַרמאַכט.
איך דריי זיך איין אין צודעק איבער קאָפּ
און זאָג: אַ גוטע נאַכט...

און אונטער צודעק זע איך: גייסט אין וועג
און מיד ביסטו פון גיין...
פאַרקלעפּן זיך די אויגן מיר, און דו
בלייבסט וואַכעדיק אַליין...

געטרייער גאָט

זע איך דיך אין חלום: זעצסט זיך צו
אין וועג פאַרטראַכטערהייט,
און רוען קענסטו ניט, עס טרייבט דיך ווייטער גיין
פון קיינעם ניט באַגלייט.

און פלוצלינג פאַלט אויף דיר אַ שרעק, דו הויבסט
די הענט אויף צו דער הויך,
און זאָגסט: געטרייער גאָט, זיי גוט צו אים...
דערמאָנסט מיין נאָמען אויך.

איך זע עס ציטערן די ליפּן דיר, די הענט
זיך הויבנדיק אַרויף...
און פלוצלינג דיין געזיכט צעשמייכלט זיך אין פרייד
און וועקט פון שלאָף מיך אויף...

פאַרשלאָסענע אויגן

איך זיץ מיט פאַרשלאָסענע אויגן
און קען אַזוי זיצן ביז נאַכט.
וויל עמעצער קומען — טאָ זאָל ער!
איך האַלט ניט די טירן פאַרמאַכט...

איך בין ניט אַנטלאָפן פון מענטשן,
און יעדער אַ גאַסט איז ביי מיר;
אין צימער געגנוג איז דאָ שטולן
און ווינקלען, ווי אומעטום, פיר...

קען ער — אָדער זי — אין אַ ווינקל
זיך זעצן מיט אויגן פאַרמאַכט,
קיין איינציקן וואָרט ניט דערמאָנען
און שווייגן ביז טיף אין דער נאַכט...

בין מוחל

מיין האַרץ איז קראַנק
און קורץ דער טאָג.
איך הער אַ קול:
בין מוחל, זאָג.

און נאָכן קול
אַ האַנט איך זע...
איך זאָג נאָך שטיל:
בין מוחל, יע...

און ווי איך פאַלג
אַזוי און זאָג —
פאַרגייט דער טאָג,
פאַרגייט מיין טאָג...

ווייל אַלע גייען

קאַלט פאַרגאַנגען איז די זון,
בלייכערהייט צעשוואומען...
ווייס איך: קיינער וועט שוין היינט
אין מיין הויז ניט קומען.

אויפן גאַס — מען גייט, מען גייט
שטיל ווי נאָך אַ טויטן.
צינדן זיך לאַמטערנעס אָן
אומעט צו פאַרשפּרייטן...

וויל איך אויך אַוועק אין גאַס,
גיין, ווייל אַלע גייען,
קיינעם צו דערצאָרנען,
קיינעם צו דערפרייען...

דאָס ליד פֿון פֿאַרגייִן

לאָז אַראָפּ די ברעמען דײַנע
און געהאָרכזאַם הער זיך אײַן:
ניט געראַטעוועט וועט ווערן
פֿון פֿאַרגיין דער לעצטע שײַן.

אונזער הויז איז קליין און עלנט,
אונזער טיש באַדעקט אָן ווײַן, —
האָט זיך ניט וואו אָפּצושפּיגלען
דער פֿאַרגייענדיקער שײַן.

האָבן מיר דעם טאָג געטרויערט,
דאַרפֿן מיר איצט רוהיק זײַן:
זע, ווי מיר פֿאַרמאַכט די אויגן
דער פֿאַרגייענדיקער שײַן,

נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע
וועלן מיר שוין ווײַט אײַך זײַן, —
ווײַט וואו רוען איז געגאַנגען
דער פֿאַרגייענדיקער שײַן...

מען האָט אונז געלאַדן

מען האָט אונז געלאַדן, מיר זענען געקומען,
מען האָט אונז מיט פרייד און מיט טענץ אויפגענומען,
מיט וויינען, מיט פלאַשן און זילבערנע פאַנען,
און שלאָפן געלייגט אונז אויף ווייכע דיוואַנען.

צו מאָרגנס מיר זענען פון שלאָף אויפגעשטאַנען —
דריי פערד ווי די לייבן אין שניי־ווייסע שפאַנען,
זיי האָבן אונז יאָגן, אונז טראָגן גענומען,
צוריק צו פון וואַנען מיר זענען געקומען...

די זון איז אַ גרויסע אַרויס אונז אַנטקעגן
און אָפן צועפנט פאַר אונז אַלע וועגן,
מיר זענען זיך רוהיק אין קארעט געזעסן,
וואוהין און פון וואַנען מיר פאָרן — פאַרגעסן.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז געלאָפן, פאַרלאָפן,
מיר האָבן אין קארעט זיך צוגעלייגט שלאָפן;
די אויגן געעפנט — שוין זענען געלעגן
פאַרנאַכטיקע שאָטנס אויף פעלדער און וועגן.

מיר זענען אַליין אויך פאַרנאַכטיקט געוואָרן,
און ווייטער געפאָרן, און ווייטער געפאָרן;
די זון איז מיט טיף־רויטע פרענזן פאַרהאַנגען
ביז שפעט אין דער נאַכט אונז דעם וועג נאָכגעגאַנגען...

ווען מיין קאָפּ

ווען מיין קאָפּ צום ערד זיך בויגן
אַ מינוט צום טויט,
קום ערשיין פאר מיינע אויגן
אין אַ ווייסער קלייד.

זעגן זיך מיט מיר אָן טרערן,
ברעך ניט מיט די הענט,
און די שפּיגלען איבערקערן
זאָלסט ניט צו די ווענט.

שטיל פאַרמאַך מירביידע אויגן
און איין רגע שטיי,
זעסט איך בין שוין אויסגעצויגן,
נעם זיך דאַן און גיי . . .

לאָזט שוין לייוויקן צורו

קאַלט און שפּעט. איך ליג און ליג.
נעמט איין אויג און קלעפּט זיך צו;
און די צווייטע — ניט אַזוי,
פּינקלט, וואַנדערט ערגעץ וואו;
פּלוצלינג הער איך ווי מען פרעגט:
— שלאָפט דאָ לייוויק ערגעץ וואו?...

ווייל איך געבן זיך אַ כאַפּ,
און איך טו זיך ניט קיין קער;
אַרום מיר און איבער מיר
הער איך שטימען מער און מער;
פּלוצלינג הער איך ווי מען זאָגט.
— לייוויק וואוינט שוין דאָ ניט מער...

ווייל איך זיך צעלאַכן הויך —
פרירט מיין צונג צום גומען צו;
עמעץ קלאַפּט דעם קאָפּ אָן וואַנט
מיט געוויין: וואו איז ער, וואו?... —
בעט אַ קול זיך אַזוי שטיל:
— לאָזט שוין לייוויקן צורו...

ש ט י ל ע ר

שטילער, שטילער, ווערט אַנטשוויגן,
איך וועל שטאַרבן, איך גיי אויס.
דעקט מיך צו און לאָזט מיך ליגן,
דעקט מיך צו און גייט אַרויס.

ברענגט מיר נאָר אַ ווייסן קישן
און אַן אויסגעוואַשן העמד,
ריינע וואַסער אָפּצוגיסן
מיינע איינגעשמוצטע הענט.

הויבט מיר העכער אויף דעם קישן
און דעם קאָפּ אויך אָט אַזוי...
וועל באַצייטנס נאָך פאַרשליסן
מיינע אויגן אָט אַזוי...

א י ן ש נ י י

אויף די וועגן סיבירער

אויף די וועגן סיבירער
קען עמעץ נאָך איצטער געפונען אַ קנעפּל אַ שטריקל
פון מיינס אַ צעריסענעם שוך,
אַ רימענעם פּאַס, פון אַ ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון הייליקן בוך.

אויף די טייכן סיבירער
קען עמעץ נאָך איצטער געפונען אַ צייכן, אַ שפּענדל
פון מיינס אַ דערטרונקענעם פּליט;
אין וואַלד — אַ פאַרבלוטיקט-פאַרטרוקנטן בענדל,
אין שניי איינגעפרוירענע טריט...

סאָלדאַטן

סאָלדאַטן אַרום ביי די זייטן,
מיר שטייען צו פירן אין רייען.
אַ זעקל מיט ברויט אויפן אַקסל,
אַן אויסגעשריי „מאַרש״, און מיר גייען.

נאָך נאַכט. דער פרימאָרגן פאַנגט אָן ערשט
איין ברעג פונם מזרח פאַרבעמען;
מיר גייען האַלב-וואַך, ווי אין חלום,
אונז ליגט נאָך דער שלאָף אויף די ברעמען.

עס שטויסן זיך אַקסלען אָן אַקסלען,
עס קלאַפן זיך קניען אָן קניען;
מיר בלינדע מיט אָפענע אויגן,
צעדרייען, צעמישן די רייען...

— „אין אָרדנונג!״ שרייען די וועכטער,
מיר פאָלגן די וועכטערס געשרייען;
די זון איז אַרויס אינם מזרח
און קוקט פון דער הויך ווי מיר גייען...

טויטע וועגן

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונדז אַנטקעגן,
זאָגן: „פריד צו אייך".
פון יוצא וועגן.

גלאַט אַזוי אַ שאָטן
זען פון וועמען,
זאָגן: „פריד צו דיר"
און זיך פאַרשעמען...

זאָל זיך כאָטש פאַר אונדז ווער
איבערשרעקן,
שליידערן אין פנים
אונדז אַ שטעקן...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונדז אַנטקעגן;
פעלדער — ווילד פאַרוואַקסן,
טויטע וועגן...

נאָכאַנאַנד

די פעלדער — צעשפּרייט אין דער לענג און דער ברייט,
די זון, אַזוי מיד ווי מיר אַלע, פאַרגייט,
זי לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי שטיל, אַזוי זאַכט,
געבויגן, געקניט פאַר דער קומענדער נאַכט.

מיר גייען צוויי טעג שוין, דריי הונדערט אין צאָל;
מיר האָבן ווער ווייס ווען, געזינדיקט אַמאָל,
מיר האָבן פאַרגעסן די זינד שוין פון לאַנג
און גאַרן אויך רוען אין זונען-פאַרגאַנג

נאָר ס'הערט ניט אויף שלאָגן די שטראָפנדע האַנט,
זי טרייבט אונז צוגיין נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד,
און לאָזט אונז ניט פאַלן מיט ליפן פאַרשמאַכט
צו קושן די טריט פון דער קומענדער נאַכט...

שטיל אויף די סטעפּעס

שטיל אויף די סטעפּעס בוראַטישע
עס שלאָפט נאָך דער אָפּגאָט פון פרי;
עס זיצט זיך אַ פּאַסטוך אַן איינזאַמער
געבויגן דעם קאָפּ אויף די קני.

זיין פּנים אַ געלער, אַ מעשענער,
צעשוואומען דער נאָז אין דער ברייט,
די אויגן אין שטערן פאַרזונקענע,
די ליפּן האַלב שוואַרץ און האַלב רויט.

עס שיטן פונאַנדער די שעפּסן זיך
אין אַלע פיר זייטן אַרום,
דאָס אַרט ניט דעם פּאַסטוך דעם איינזאַמען,
ער זיצט זיך פאַרדרעמלט און שטום.

און הויבט ער אָן זינגען, — דערשרעקן זיך
פאַר אים זיינע אייגענע פּי,
ווערט ווידער אַנשטומט אַ פאַרשלאָפענער,
פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אויף די קני...

לעצטע שטראַלן

לעצטע שטראַלן שוין פאַרגאַנגען.
פעלדזן און שטערן, פעלד און שטערן.
אַזאַ ציטעריקעס רופן
פונדערווייטן לאָזט זיך הערן. —

פון די ווייטע פעלדער-עקן
און אַלץ נענטער, נענטער, נענטער,
רופט אָן יעדערן ביים נאָמען
אַזאַ קול אַן אומבאַקאַנטער...

פאַלט אָפּ יעדערן דער אָטעם,
און די פיס אים קוים זיי גייען...
נאַכט און שטערן, פעלד און שטערן —
און פאַרצווייפלטע געשרייען...

אַ חורבה

עס וועלן אונז ביינאַכט
קיין פרעמדע טריט דערפרייען,
און אונזערע — דער ווינט
פאַרשיטן וועט, פאַרווייען...

און קומען וועלן מיר
אין ערגעץ זיך צושלעפּן.
אַ חורבה ערגעץ שטייט,
פאַרוואָרפן אין די סטעפּן.

זי שטייט און וואַרט אויף אונז,
די טירן, פענסטער אָפן; —
אַ פאַל טון וועלן מיר
און שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן..

אין דער פינסטער

טליען פאַרלאָשענע שייטלעך,
גליען נאָך איינציקע קוילן;
גוט וואָלט זיין עמעץ זאָל קענען
קינדישעס עפּעס דערציילן.

עפּעס אַזוינס, מיינע ברעמען
זאָלן אַליין זיך פאַרמאַכן;
קוים צו אַן אָפּרו דערשלעפּט זיך,
קאָן איך ניט שלאָפן, ניט וואַכן.

צי איך זיך אויס — ווילט זיך זיצן;
זעץ איך זיך — ווילט זיך מיר לייגן;
שטיל אין דער נאַכט וואָלט איך וויינען, —
קומט ניט קיין טרער אין די אויגן.

נעם איך און גיב זיך אַ שליידער —
ווער אין דער פינסטער פאַרזונקען...
טליען שוין מער ניט קיין שייטלעך,
גליען שוין מער ניט קיין פונקען...

אַ ל ײ ן

האַלבע נאַכט. מיר ליגן אויסגעצויגן,
צונויפגעפרעסטע אויפן קאַלטן דיל,
סאָלדאַטן בײַ דער טיר מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
זײַ זענען מיד, ווי מיר, און זענען שטיל.

אַ דאָרפיש־לעמפּל ערגעץ רויכערט אין אַ ווינקל.
שאַ. אַ לעמפּל ברענט זיך, ברענט;
אין קלײנעם שטיבל אָפּטמאָל עפּעס טוט אַ פינקל, —
קומט צו אַ נײַער שאָטן אויף די ווענט...

גיט אײנער זיך אַ שטעל און פאַלט צוריק זיך לייגן,
און אײנער גיט אַ קריץ אַזוי די צײן;
סאָלדאַטן בײַ דער טיר מיט צוגעמאַכטע אויגן,
ווי מיר, — פאַרשלאָפענע, ווי מיר — אַלײן...

נאָך אַ טאָג

נאָך אַ טאָג איז זיך אַוועק,
טונקל ווערט דער ברייטער וועג,
גייט אַ וואַנדערער אַליין,
ער צו אונז וועט ניט פאַרגיין.

גיט אים ווער אַ שטיקל ברויט,
זאָל ער גיין געזונטערהייט,
זוכן ערגעץ אַנדערש-וואו
אין דער פינסטערניש זיך רו...

איז די נאַכט איינגעגאַנגען דאָ,
און דער וועג שוין אויך ניטאָ;
וועט אַ צווייטער דורכגיין ווען,
וועלן מיר שוין אים ניט זען...

הער, מען וויינט אין טיפן שרעק —
וויינט עס ניט דער ברייטער וועג?
עס איז קיינעמס ניט געווען,
וויינט דער ברייטער וועג אַליין...

גייט מען זיך לאַנג

גייט מען זיך לאַנג,
בינדט מען די לענדן אַרום מיט אַ שטריק;
קלאַפּן די שיך —
גייט מען זיך לאַנגזאַם, מען קוקט ניט צוריק.

איז ווער געשמידט,
קאָן ניט צעקלאַפּן די קייט אָן אַ שטיין, —
וואָס זאָל מען טון? —
טראָגט מען די קייטן, נאָר גיין דאַרף מען גיין...

גיט מען אונז רו,
איינגעמידט ווערט אויך די האַנט, וועלכע שטראָפט, —
לייגט מען זיך שטיל,
לייגט מען זיך שטיל אויף דער ערד און מען שלאָפט...

אין שנײ

1

אַ גוטע נאַכט

לאַנגע ווינטערדיקע נעכט,
ווייסע שטראַלנדיקע טעג,
האָב איך איינגעשפּאַנט מיין פערד
לאָזן זיך אין ווייטן וועג.

היי און ברויט און וויין געקויפט,
איינגעניית דאָס לעצטע געלט,
אָנגעטון זיך אין אַ פעלץ,
מויל און אויערן פאַרשטעלט.

ניט גערירט פון שטוב קיין זאַך,
טיר און לאָדן ניט פאַרמאַכט,
זיך אַ נייג געטון צום שוועל
און געזאָגט: אַ גוטע נאַכט.

אָפּגעצייכנט מיינע טריט,
לעצטע אויף דער פרעמדער ערד.
נאָך אַמאָל: אַ גוטע נאַכט,
און אַ שמיץ געטון דעם פערד

II

זילבער שנור

איז דער וועג מאָנאַטן לאַנג,
ציט זיך ווי אַ זילבער שנור,
פֿאָר איך מיטן זילבער שנור,
מורמל עפּעס אַ געזאַנג.

אין דעם פוטער איינגעדרייט,
אָפּגעדעקט די אויגן נור, —
קוק איך ווי די זון גייט אויף,
קוק איך ווי די זון פֿאַרגייט.

און דער שניי ער שיט און שיט,
דעק איך אויף די אויגן צו,
לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און ליג . . .
און דער שליטן פליט און פליט.

בלייבט דער פערד אין מיטן שטיין —
כאַפּ איך זיך פון דרימל אויף,
גיב אַ שמיץ און גיב אַ פייף,
דורך די קלאַפּנדיקע ציין . . .

II

שטערן, וועלף און בערן

א קאַלטער ווינט פון צפון-זייט
האָט אָנגעהויבן בלאָזן;
מיין טרייער פערד האָט מיד צום שניי
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

די זייטן איינגעפאַלן טיף,
די גאַנצע פעל פאַרפראָרן.
ווער ווייס, צי וועלן מיר נאָך היינט
אין ערגעץ וואו פאַרפאָרן?

אַלץ פינסטערער און פינסטערער.
דער שניי מיט גלאָז פאַרצויגן,
איך גיי צופיס מיין שליטן נאָך
מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן.

עס שטעכן אין דער פינסטערניש
ווי שאַרפע נאָדלען שטערן;
עס קלאָגן אין דער וויסטעניש
פאַרשנייטע וועלף און בערן...

IV

אַ האַנט

פאַלן שטערן, הילכן קלאַנגען,
פול מיט ווייסן גלוט די סטעפ:
הויבט אַ האַנט זיך אין דער פינסטער,
האַמערט שווערע קלעפ נאָך קלעפ.

ערד און הימל — שניי אַ וואָלקן.
טראָגן אום זיך ווייסע קעפ,
קייקלען, דרייען זיך אין שטורם,
פלעכטן זיך אין לאַנגע צעפ.

ווער איך מיט מיין פערד געפאַנגען,
איינגעפלאָכטן אין די צעפ, —
ביז די האַנט איןווירבל-שטורם
האַמערט אַפ די לעצטע קלעפ...

V

אַ לײדיקער שליטן

עס װערן די װאָלקנס צעשװאָומען,
עס װײַזן זיך שטערן נאָך שטערן:
דער װעג איז אינגאַנצן פֿאַרשאָטן —
ניטאָ װאו דעם שליטן צו קערן.

איך שפּאַן זיך אַלײן צום פֿערד צו,
איך העלף אים צו שלעפּן דעם שליטן...
אַ שלעפּ און אַ פֿאַל צו דער ערד צו,
די פֿינגער — צעבלוטיקט, צעשניטן.

דער הימל אַלץ קלערער און קלערער,
אַ גרױסע לבֿנה אין מיטן;
זײ קוקן זיך צו, װי מיר שלעפּן
אַ לײדיקן הילצערנעם שליטן...

VI

אַ דריטער

ניט אַנדערש עמעצער
אַ שפּאַס מיט אונז וויל פירן:
אַ שליטן — שטרוי און שפּאָן,
און ניט פון אָרט צו רירן.

מיט ציטער גיב איך ווען
אַ קער דעם קאָפּ אויף הינטער...
עס קען פּאַסירן אַלץ
אין וועג אין מיטן ווינטער...

מיר דאַכט זיך פּלוצלינג אויס:
מיר שלעפּן נאָך אַ דריטן, —
אַזוי ווי איך אַליין,
וואָלט ליגן טויט אין שליטן...

VII

אַ דאָרף, אַ דאָרף

אַ ביסל געשטאַנען. גענוג,
פערד מיינס, געטרייער,
מיר מוזן דאָך קומען אין דאָרף
צו מענטשן, צו פייער.

מען זעט שוין, מען זעט שוין דעם דאָרף
מיט לויכטענדע שויבן, —
דו זיי נור ניט מיד, נעם זיך מוט
דיין קאָפּ אויפצוהויבן.

עס זיצן נאָך אַלע אין דאָרף,
די טויערן — אָפן,
מען גרייט אונז געטראַנקען און שפּייז,
געלעגער צו שלאָפן.

מען ברענגט פאַר דיר האָבער און היי,
די בעסטע פון שייער...
הע׳, פערד מיינס, אַ טראָט און אַ פלי׳
צו מענטשן, צו פייער.

VIII

פ ר ע מ ד ע

צו אַ טויער צוגעפֿאָרן,
קלאַפּ איך, רוף;
— כ׳בין דערפֿרוירן, — גוטע מענטשן,
עפֿנט אויף.

שפּרינגען הינט אויף קייטן, בילן,
מענטשן — אויף.
גייען. איינער, הער איך, מורמלט:
— עפֿן אויף!

שרייט אַ צווייטער: פֿריער פֿרעג זיך,
וואָס און ווער?
וואו אַ וואַנדערער, אַ שלעפּער
קומט אַהער...

מורמלט ווידער איינער: עפֿן,
פֿרעג, ביט פֿרעג...
אונזער מזל שוין: מיר וואוינען
אויפֿן וועג.

IX

וואַרעמער אויוון

וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט,
רוהיק און וואַרם איז זיי.
עסן געפאַנגענע הירשן און פיש,
טרינקען צעגאַנגענעם שניי.

לייגן זיך שלאָפן, ווען ס׳קומט נור די נאַכט
אַלע צוזאַמען אין בעט,
דעקן זיך איבער אַריבערן קאָפּ,
שלאָפן אין טאָג אַריין שפעט.

הוליעט אין דרויסן אַ צפון-זייט-ווינט,
נעמט מען אַ האַק און מען שפּאַלט
שייטלעך נאָך שייטלעך אין אויוון אַריין,
שייטלעך פון אייגענעם וואַלד.

באַקן זיך פּלעצלעך און פּרעגלען זיך פיש,
קאָכט זיך אַ קעסל מיט טיי, —
וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט
רוהיק און וואַרם אין שניי . . .

X

ט י י

אָפּגעזאָגט די מאָרגן־תּפילה,
זעצן זיי זיך אַרום טיש,
טונקען די פֿאַרבריִנטע פּלעצלעך
אין דעם בוימל פֿון די פֿיש.

בויגן איין די קעפּ און זיפּן
מיט אַ פּייף אַזאַ דעם טיי:
לאַדט מיך איין די באַלעבאָסטע
זעצן זיך בײַם טיש מיט זיי.

זעץ איך זיך און עס צוזאַמען,
זיץ בײַם טיש — דאָך ניט מיט זיי:
ערגעץ ווייט ווייט טראָגט אַוועק מיך
יעדער ביס און זיפּ פֿון טיי...

XI

לעצטע טיר

אַ דאַנק אייך גוטע מענטשן
פאַר טיי און פרישן ברויט;
מיין פערד צום פאָרן ווייטער
אַן איינגעשפּאַנטער שטייט.

איך האָב געזען אייך איינמאָל
און וועל ניט זען שוין מער;
מיין וועג איז ווייט, וועל קיינמאָל
ניט קומען מער אַהער.

צו וואָס איך גיב אַ ריר זיך
איז דאָס דער לעצטער ריר;
אָט מאַך אייער טיר צו, —
פאַרלייכט די לעצטע טיר...

XII

ניט בלייב אליין

אויף ווייסע בערג די זון פאַרגייט,
ביים זייט פון וועג אַ צלם שטייט —
דעם וועג צעשיידט.

איך הער אַ קול: בלייב שטיין! בלייב שטיין!
שפּאַן אויס דעם פערד און לאָז אים גיין,
דו בלייב אַליין...

איך שטעל זיך אָפּ און קוק זיך אום:
שוין שוואַרץ די בערג, דער וועג אַרום,
און שטיל אַרום.

און ווידער הער איך: בלייב ניט שטיין!
אַ גיכער יאָג, ניט בלייב אַליין —
ניט בלייב אַליין...

XIII

גלעקלעך

גלעקלעך קלינגען ערגעץ ווייט,
גלעקלעך ווערן שטום;
עמעץ פֿאָרט אַנטקעגן אונז,
פֿאָרט און קערט זיך אום.

אַ באַקאַנטע מיידל קומט
איבער קאָפּ פֿאַרשנייט,
איבעררראַשן וויל זי אונז
אומגערעכטערהייט.

שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט דעם וועג,
כּלומרשט פֿרעמד און קאַלט,
הייבט אויף מיר די אויגן אויף,
שעמעוודיק באַהאַלט.

מיט אַמאָל צעלאַכט זי זיך,
גיט אַ הויב אַ האַנט,
דעקט דעם פּנים אָפּ און זאָגט:
— בין איך אייך באַקאַנט?

גיב איך איר אַ כאַפּ צו זיך
און דעם פֿערד — אַ יאָג;
העי, מיר פֿליען מייל נאָך מייל
ביז עס שטאַרבט דער טאָג.

XIV

מיין פרייד

אַז עס שטאַרבט דער טאָג און פינסטער ווערט דער וועג,
בעט איך ווייך דעם שליטן אויס פון ברעג צו ברעג:
לייגט מיין גאַסט אַוועק זיך, ווערט אַנטשלאָפן שנעל
איינגעדעקט פון קאָפּ ביז פוס מיט בערן-פעל.

זיץ איך איבער איר געבויגן, קוש איר קלייד,
מורמלען מיינע ליפּן עפּעס וואָס אין טיפער פרייד.
איז די בייטש אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד,
אָפּגעלאָזט אינגאַנצן גייט אַליין דאָס פערד . . .

עפנט זי אַן אויג און מאַכט אים צו צוריק,
עפּעס ווי ניט אירער וואָלט געווען דער בליק, —
קריך איך שטיל אַראָפּ פון שליטן און איך גיי,
קוק זיך אויף די ווייסע פעלדער, אויפן שניי . . .

XV

שעה נאָך שעה

שעה נאָך שעה. עס ווערט איר קאַלט,
כאַפּט פון שלאָף זיך אויף.
טו איך אויס מיין פעלץ פון זיך,
לייג אויף איר אַרויף.

שלאָפט זי ווידער וואַרעם איין.
איך — צו פוסן איר,
זיך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
שעה נאָך שעה און פריר.

גיט זיך ווען פון שלאָף איר האַנט
צו מיין באַק אַ ריר . . .
נידעריקער פאַלט מיין קאָפּ
צו די פיס צו איר.

XVI

קאַלטער ווײַ

איך האָב איר צוגעדריקט צו זיך.
זי אָפּגעלאָזט;
פֿאַרדרייט האָט מיר דעם קאָפּ דער ווײַן
פֿון שטאַרקן פֿראָסט.

איך האָב אַ ריס געטון דעם פֿעלץ,
זי אָפּגעדעקט,
זיך צוגעריקט צו איר —
און אויפֿגעוועקט.

איר לײַב אַ ציטער האָט געטון:
אַזוי פֿיל פֿרייד...
מײַן קאָפּ האָט זיך פֿון קאַלטן ווײַן
געדרייט, געדרייט...

XVII

אין זומערדיקן לאַנד

קומען ערגעץ װעלן מיר צופאָרן
ערגעץ אין אַ זומערדיקן לאַנד;
װעלן מיר פאַרקױפן פערד און שליטן
און צופיס זיך לאָזן גײן בײנאַנד —
ערגעץ אין אַ זומערדיקן לאַנד.

װעלן מיר די נאַכט די ערשטע שלאָפן
אין אַ װאַלד אין זומערדיקן לאַנד;
טאָג װעט װערן — װעלן מיר זיך לאָזן
װײטער גײן געאָרעמט האַנט בײ האַנט
ערגעץ װײט אין זומערדיקן לאַנד.

נײע קלײדער װעלן מיר זיך קױפן
פאַרן געלט אין זומערדיקן לאַנד;
איך — אַ ברײטע הוט, אַ העלן מאַנטל,
דו — אַ װײסע קלײד מיט זײדן־באַנד, —
דאָרטן אינעם זומערדיקן לאַנד.

XVIII

ר ו י ך

שיט אַ שניי אַ וואַרעמער,
גלאַט דער וועג און ווייך,
פונדערווייטן זען זיך
דינגע זיילן רויך.

פאָרן מיר און זי דערציילט
מעשיות באַכאַנאַנד,
אַלץ פון יענעם וואַרעמען
זומערדיקן לאַנד.

ווער איך מיד פון צוהערן,
קוק איך אין דער הויך:
ווייסע זיילן ציען זיך,
שטראַלנדיקער רויך.

זילבער וואָלקנס שפרייטן זיך
ווינטערדיקער טוי . . .
רוימט זי שטיל אַ סוד מיר איין:
— איך וועל זיין דיין פרוי . . .

XIX

אַנטשוויגן געוואָרן

די ליפּן פאַרטרוקנט, די אויגן פאַרמאַכט,
מיר פאָרן און שווייגן ווי פרעמדע די נאַכט.
עס זאָגט ווער אַרויס ווען אַ וואָרט דורך די ציין
ווי יעדער אין שליטן וואָלט פאָרן אַליין.

זי זעצט זיך, פלעכט איבער די האָר אויפן קאָפּ,
אַ סטענגע אַ ווייסע — זי וואַרפט עס אַראָפּ,
און מורמלט צו זיך מיט פאַרבאָרגענעם וויי
פון עפּעס אַ שמוציק-געוואָרענעם שניי. . .

און ווידער זי לייגט זיך אַוועק און זי ליגט,
די הענט אויפן האַרצן, די ליפּן פאַרדריקט:
מיר פאָרן און שווייגן ווי פרעמדע די נאַכט,
עס גיבט ווער אַן עפן אַ ברעם און פאַרמאַכט...

XX

נ אַ ר

האָב איך זיך אַליין ניט אָפּגענאַרט
אין מיטן נאַכט?
גלעקלעך, מיידלעך, קאַלטן ווייַן
זיך אויסגעטראַכט.

וועמען וועט עס איינפאַלן
ביינאַכט אַליין
מיך אין וועג באַגעגנען
זיך לאָזן גיין?

גלעקלעך קלינגען? יאָ, איך זע
אַ בויד ניט ווייט, —
מיר אַנטקעגן קומען אָן
ציגיינער-לייט . .

XXI

העי, ציגײנער!

העי ציגײנער, חעי ציגײנער,
לאָמיר בײטן פֿערד;
טײער, ביליק — נאָך אַ רובל
האָט בײ מיר קײן װערט.

זעט, איך בין אויף פערד קײן מבין,
נאַרט נאָר מיך ניט אָפּ;
גאַט איך נאָך אַ גאַנצן לעבל
װײסן ברויט צוגאָב.

איר האָט פערד טאַבונעך גאַנצע,
איך — האָב אײנעם נאָר, —
איז ער מיד, שוין צוגעשטאַנען:
אַזאַ צײט איך פֿאָר.

העי ציגײגער, שאָטנס קומען,
שטאַרקער װערט די קעלט. —
טײער, ביליק — נאָך אַ רובל
איז בײ מיר קײן געלט...

XXII

אָפּגענאַרט

עס האָבן אָפּגענאַרט מיך די ציגיינער,
אַ פּערד אַ קראַנקן מיר געגעבן,
אַ פּערד אַ בלינדן — זאָגט דאָס האַרץ מיר:
ער וועט ביז מאָרגן ניט דערלעבן.

איך שלאָג אים מיט אַ גרויסן שטעקן,
און ער ווי גאָרנישט, — שטייט געבויגן.
גיט ווען ניט ווען דעם קאָפּ אַ טרייסל,
אַ פינטל מיט די בלינדע אויגן.

בין מיד פון שלאָגן. שטיי איך, וואַרט איך.
אַזוי ווי ער דעם קאָפּ געבויגן . . .
און ער — מיר דוכט, ער קרומט די ליפּן
און גלאָצט אויף מיר מיט זיינע אויגן . . .

XXIII

רויטע טראָפּן

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?
שוין ווידער איז נאַכט.
מיין אומגליק — ער שטייט זיך
מיט אויגן פאַרמאַכט.

פון מויל רויטע טראָפּן
זיי רינען אַראָפּ...
איך טראָג אים צו האָבער,
ער רירט ניט דעם קאָפּ.

איך הייב אויף דעם שטעקן
און גיב אַ געשריי:
און טראָפּן נאָך טראָפּן
זיי פאַלן אין שניי..

XXIV

אין בלוט מײַנע הענט

שטיל. האַלבע נאַכט. אויפן הימל קיין שטערן,
איך שטיי אויפן וועג שוין פון שטונדן.
איך האָב אויפן פערד שוין דעם שטעקן צעבראָכן,
צעשניטן די פעל אים אויף וואונדן.

אויף יעטוועדן קלאַפּ אויף די מאָגערע ביינער
דערטראָגט זיך אַן אָפּקלאַנג פון ווייטן . . .
און פּלוצלינג האָט עמעץ דעם פערד אומגעוואָרפן,
אויף אים זיך אַרויפגעזעצט רייטן.

אַ שטאַנג אויסגעריסן האָב איך פון דעם שליטן,
געשלאָגן דעם פערד אין די זייטן, —
ביז וואַנען אַ טויטער געבליבן איז יענער,
וואָס האָט זיך געזעצט אויף אים רייטן . . .

XXV

איך בין דאָ

טויט און שטיל
שעה נאָך שעה.
ווער איז דאָ?
איך בין דאָ...

אויפן וועג
אין דער מיט
איז ווער טויט?
קיינער ניט...

רויט דער שניי.
איך בין ווייס.
מיינע הענט —
שטיקער אייז...

וועל איך מיר
לאָזן גיין,
גיין צופוס
און אַליין...

קומט ווער אָן?
קיינער ניט:
פאַלשער קלאַנג,
פאַלשע טריט...

טויט און שטיל
שעה נאָך שעה:
איז ווער דאָ? —
איך בין דאָ...

XXVI

אַ קוש

טרעטנדיק אין טיפן שניי
איז אַ שלאָף באַפאַלן מיך,
ווי אַ קישן האָט דער שניי
מיך אַ צי געטון צו זיך.

זיך אַ נייג האָב איך געטון
און געשטעלט זיך אויף דער קני,
נאָך אַמאָל האָט מיך דער שניי
פאַר די הענט געטון אַ צי.

זיך אַוועקגעלייגט האָב איך
מיט אַן אָפּגעדעקט געזיכט,
האָט אַ לויכט געטון אויף מיר
אַזאַ שטראַלנדיקע ליכט.

זיך אַ הויב האָב איך געטון
און געזאָגט: אַ גוטע נאַכט . . .
האָט אַ קוש געטון מיך ווער
און די אויגן מיר פאַרמאַכט . . .

לעכערלעך און שעמעוודיק

אויפן וואַסער

אויפן וואַסער — זונען גלאַנץ,
אויפן שיף — געטראַנק און טאַנץ,
מיידלעך דרייען זיך אין פּאָר,
דאָס איז גאָר און דאָס איז גאָר.

גלעזער קלינגען צו צום טאַנץ,
אויגן שטראַלן אָפּ דעם גלאַנץ,
און געזיכטער — וואַסער קלאָר,
דאָס איז גאָר און דאָס איז גאָר.

נאָך אַ גלאָז און נאָך אַ טרונק,
נאָך אַ מיידל, נאָך אַ שפּרונג.
אַזאַ רייזע אויף אַ שעה,
אָט געווען און אָט ניטאָ...

ים-געשטאַלטן

לאָמיר שטיין, קיין הויכן וואָרט
און דעם אָטעם איינגעהאַלטן;
זעסט אין וואַסער דאָ און דאָרט
שווימען — זינקען ים-געשטאַלטן.

זעסט, דער וואַסער מיט אַמאָל
מיט אַ נעבל ווערט פאַרצויגן, —
הערסט אַ טיפן אָפּגרונט-קול,
גיב דיין האַנט, פאַרמאַך די אויגן.

שפּאַר דיין קאָפּ אָן צו מיין האַרץ
און דעם אָטעם איינגעהאַלטן...
נאַכט איז שוין, דער הימל שוואַרץ,
שוואַרצער נאָך די ים-געשטאַלטן...

פּאַרשפּעקטיוו

מיר האָבן שוין פֿון באַרג אַראָפּגעגנידערט,
מיר פֿאָרן שוין צוריק אויף מער ניט קומען;
די נאַכט האָט אונז מיט ציטערדיקע אָרעמס,
ווי קליינע קינדער הייס אַרומגענומען.

מיר וואַרפֿן אונזער לעצטן בליק פֿון ווייטן
אין נעבל, וואו עס ווערט דער באַרג צעשוואומען,
און דוכט: ס'איז איבער אויבן ברעג געבליבן,
ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און פּאַרשפּעקטיוו קומען.

גלעזער קלינגען ווידער, מיידלעך טאַנצן
גוף צו גוף געדריקט — אַרומגענומען,
איך נור שטיי ביים זייט און הער פֿון ווייטן
די שטים פֿון איינזאַמען, וואָס האָט פּאַרשפּעקטיוו קומען...

איך האָב געזען

איך האָב געזען: אַ מענטש האָט זיך געטרונקען
נאָך הילף געצויגן זיינע הענט;
איך האָב געזען: דער מענטש איז שוין געזונקען,
געזען — און שרייען ניט געקענט.

איך האָב געקוקט. עס דרייען זיך די אינדן
אין ברייטע קרייזן איין און אויס;
צעלויפן זיך די קרייזן און פאַרשוואונדן,
דער ים ווערט גלאַט און שטיל דורכאויס.

ערשט נאָכדעם, קוקנדיק אין וואַסער אין דעם שטילן,
דערזען האָב איך מיין פנים גרוי, —
האָב עפּעס שווערערס נאָך פון טויט געגומען פילן
און „ראַטעוועט!" געגעבן אַ געשריי...

נאָדלען

קיינער היט ניט מיין צוקאָפּנס,
נור דער טרויעריקער ווינט;
קראַנק בין איך און קען ניט שלאָפֿן. —
מיינע אויגן זענען בלינד.

זען זע איך, נור גאָר אַנדערש:
בליקן טויזנט איבער מיר;
בין איך טויב, נור הערן הער איך:
צוגעשלאָסן ווערט די טיר.

שטרעק איך אויס די הענט אין לופֿטן,
לאָזן זיך די הענט אַראָפּ;
ליפּן קושן מיך — ווי נאָדל
שטעכט מיר יעדער האָר פֿון קאָפּ.

געפאַנגען

האָב ניט געוואָלט אין הויז צו דיר היינט קומען,
איך בין אַזוי פאַרבייגעגאַנגען,
האָט זיך די טיר אַליין פון זיך געעפנט
און גלייך פאַרמאַכט און מיך געפאַנגען.

געווען איז נאַכט, געזאָגט האָב איך: גוט מאָרגן
און זיך אַליין זיך אָפּגעשלאָגן,
האָב ניט געהאַט די הענט וואו צו באַהאַלטן,
און ניט געוואוסט, וואָס ווייטער זאָגן.

אַ פריילעכע ביסטו אַרויס אַנטקעגן
און מיר אַ שטול געבראַכט צו טראָגן,
בין איך, צעמישט, צוריק אַרויסגעלאָפן,
אַ גוטע נאַכט פאַרגעסן זאָגן...

לעכערלעך

לעכערלעך און שעמעוודיק
שטיי איך לעבן דיר;
הייסט מיר זיצן — זעץ איך זיך,
גיב זיך ניט קיין ריר.

הייסט מיר עסן — פאָלג איך דיר,
ווערג זיך שטילערהייט,
שנייד פון גרויס צעמישעניש
מיטן גאָפל ברויט.

שטרעקסטו אויס די הענט צו מיר,
פינגער — הייס און דין,
מיין איך, אַז דו זעגנסט זיך —
גולם וואָס איך בין!

לייג דיין קאָפּ..

לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני,
גוט אַזוי צו ליגן,
קינדער שלאָפן איין אַליין,
גרויסע דאַרף מען וויגן.

קינדער האָבן שפּילעכלעך,
שפּילן ווען זיי ווילן;
גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך,
מוזן אייביק שפּילן.

האָב ניט מורא, איך בין דאָ,
וועל דיך ניט פאַרשטויסן, —
האָסט געננוג געוויינט שוין היינט,
ווי עס פּאַסט אַ גרויסן.

אָנגעוויינט און אָנגעקלאָגט,
איך וועל דיך פאַרוויגן;
לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני, —
גוט אַזוי צו ליגן...

מען דאַרף ניט קיין פייער

מען דאַרף ניט קיין פייער — פאַרלעש אים,
עס איז אין דער פינסטער אונז בעסער;
און זעסטו איך ציטער — ניט שרעק זיך,
איך שפּיל זיך אַזוי מיטן מעסער.

איך ציטער אַזוי זיך, — איך ווייס ניט
פאַר זיך, צי פאַר דיר, צי פאַרביידן,
איך שרעק מיך מיט דיר זיך צו טרעפן
און נאָך מער — מיט דיר זיך צו שיידן.

מען דאַרף ניט קיין פייער -- פאַרלעש אים,
איך בין שוין געקומען — פאַרפאַלן!
פאַרבויג זיך צום פענסטער און קוק ניט:
איך בין צו די פיס דיר געפאַלן . . .

און איצט צינד אָן פייער

און איצט מעג זיין ליכטיק —
מיין קאָפּ איז ניט אייביק געבויגן,
איך קוק דיר שוין גלייך אין די אויגן —
און איצט מעג זיין ליכטיק.

דורך אָפענע אויגן
אַרויס וועט דער אומרו פֿון ביידן,
און שטילקייט צו שטילקייט וועט ריידן
דורך אָפענע אויגן.

און איצט צינד אָן פייער,
און מער ניט די טירן פאַרשליסן,
זאָל יעדערער קומען און וויסן —
און איצט צינד אָן פייער...

איבער גאַסן

איבער גאַסן, איבער דעכער
דרייען קלאַנגען זיך אַרום,
ווי פאַריאָגטע וואָגל-פויגלען
הין און הער צעדולט און קרום,
ווערן בייז און שיטן קללות,
ווערן הייזעריק און שטום.

פון דער גאַס בין איך אַנטלאָפן —
האָב איך ניט וואוהין צו גיין;
פאַר די שכנים האָב איך מורא,
און נאָך מער פאַר זיך אַליין.
הער איך עמעצער צעלאַכט זיך
דריקט עס מיך ווי אַ געוויין...

אַלע טירן — צוגעריגלט,
אַלע טויערן — פאַררוקט,
דאָך איז עמעצער באַגנבעט,
דאָך איז עמעצער פאַרצוקט;
אַלע אויגן צוגעשלאָסן,
דאָך איז איינער דאָ, וואָס קוקט...

צינד איך פייער אָן און לייג זיך
און די טיר פאַרשליס איך ניט —
היינט צי מאָרגן וועט דער א י נ ע ר
לאָזן הערן זיינע טריט;
זאָלן זיינע טריט זיין ליכטיק
און פון שטרויכלונג אויסגעהיט.

נאַכט און רעגן

נאַכט און רעגן. אַלע חיות
שלאָפן שוין אין שטייג,
נאָר דער פלינקער אויכנהאָרן
שפרינגט פון צווייג צו צווייג.

ליידיק אַלע בענק אוןביידלעך,
אַלע וועגן — נאַס;
קומען זוכן אַ באַהעלטונג,
היימלאָזע פון גאַס.

זעצט זיך איינער אויף אַ בענקל
און פון פנים — גיסט,
זיינע הענט — זיי האָבן נור וואָס
זיך געשאַרט אין מיסט.

קוקן ערגעץ ווי דורך גראַטן
זיינע אויגן טויט,
און פון בוזים אויף די גראָזן
פאַלט — אַ שטיקל ברויט . . .

נאַכט און טרויער. פון די ביימער
שיט אַ רעגן-שטויב,
און פון שלאָף מיט גוואַלדן פלוצלינג
גיט אַ שפרונג דער לייב . . .

ווי אין חלום

גיי איך זיך אין מיטן נאַכט,
דריי זיך צווישן מויערן —
ניט איך זוך און ניט איך טראַכט,
וויל קיין זאַך באַדויערן.

גאַסן איין און גאַסן אויס,
וויפיל, וועלכע אַרט מיך ניט —
ניט איך גיי צו וועמענס הויז,
קיינער אויך ערוואַרט מיך ניט.

דאָ — אַ טויער, דאָ — אַ שוועל,
ווייטער, ווייטער גיי איך זיך,
אַלץ אַרום מיין אייגן זעל,
ווי אין חלום דריי איך זיך.

אין הייסער נאַכט

אין ווייסער נאַכט איז איינגעהילט בראָדוויי,
און אַלע רעסטאָראַנען זענען פֿול און אַלע טעאַטערן,
דורך אַלערליי קאָלירטע טאַנצנדיקע שטערן,
פֿון אויבן פֿאַלט דער ערשטער ווינטערדיקער שניי.

די נאַכט ערשט פֿאַנגט זיך אָן. פֿון גאַסן אַלערליי
די אויטאָ-רעדער איינס נאָך איינס מיט שנעלקייט זיך פֿאַרקערן,
דו גייסט — אַזוי ווי אין דער לופֿט געטראָגן וואָלסטו ווערן
אויף אויסגעשטרעקטע דאַמען-הענט, אויף זייד-געניי.

פֿון אויסשטעלונג צו אויסשטעלונג, פֿאַרבלענדט פֿון שיין,
דו ווייסט ניט וואו זיך אָפּשטעלן און וואו אַריין,
און וועלכע פֿון די שענסטע פֿרויען וואַרטן אויף דיין קומען...

דו ווייסט — אין די האָטעלן ערגעץ איינע מוז דאָרט זיין,
וואָס וואַרט אויף דיר, נור דו טרעפֿסט קיינמאָל ניט וואו אויס,
וואו איין
אַן אַנדערער דיין פּלאַץ האָט שוין פֿון שטונדן לאַנג פֿאַרנומען...

אויף די פייערן

אויף די פייערן אין לופט די טאַנצנדיקע קוק איך,
און די אויגן מיינע —
ווערן ווי די פייערן אין לופט די טאַנצנדיקע.

וואָס איז מיר געבליבן מער פון רוישנדיקן טאָג,
אַז ניט די אויגן מיינע? —
הענט און פיס זיי זענען טויט פון רוישנדיקן טאָג.

הענט און פיס זיי הענגען אויפן שטול זיך וויגנדיקע,
נור די אויגן מיינע —
לאָזן זיך אַליין אַוועק ווייט, ווייט פונם שטול דעם וויגנדיקן.

ווי עס לויפן איבער שטערן אין געדיכטער פינסטערניש —
די אויגן מיינע —
צו די ווייטע פייערן שניידן זיי זיך דורך דער פינסטערניש.

לאַנג שוין האָבן מיך פאַרוויגט די פייערן די טאַנצנדיקע,
נאָר די אויגן מיינע
ברענען ערגעץ וואו נאָך מיט די פייערן די טאַנצנדיקע...

א י י ז ע ר נ ע

אַן אייזערנער מענטש אויף אַן אייזערנעם פערד.
און ביידע געבויגן די קעפּ צו דער ערד.
זיי שטייען זיך ביידע אַזוי זאַלבעצווייט
פון אַלע פיר זייט פאַרצאַמט מיט אַ קייט.

פון ווייטן די זיילן פון ברוקלינער בריק,
עס לויפן אום באַנען אַהין און צוריק,
און מאַסנווייז מענטשן — מען גייט און מען גייט
אַרום און פאַרביי דער פירעקיקער קייט...

ווערט פינסטער און שפעט. שטייט אַ וועכטער און היט,
אַמאָל היט ער יאָ, און אַמאָל היט ער ניט;
דער מענטש מיטן פערד, איינגעשמידטע אין קייט,
זיי שטייען זיך רוהיק און שטיל זאַלבעצווייט...

העסטער

דער נעבל ער הענגט אַ געדיכטער,
געדיכטער צוזאַמענגעפּרעסטער ;
עס פלאַטערט אַרום מיין נשמה
אַרום די לאַמטערנען פון העסטער.

געלאָדן מיט מענטשן איז העסטער,
מיט גאַסיקע קראָמען און וועגן,
אין שיין פון די אָוונט־לאַמטערנען
זיי קומט מיין נשמה אַנטקעגן.

זי דרייט זיך אַרום אַלע קראָמען,
זי לאָזט זיך אַריבער די דעכער,
פאַרבלאָנדזשעט אין נעבל אין בלינדן
צום הימל אַלץ העכער און העכער.

נור קאַלט איז, ניט היימלעך דער הימל,
נאָך קעלטער צוזאַמענגעפּרעסטער
פאַרלוירענערהייט מיין נשמה,
זי זוכט די לאַמטערנען פון העסטער...

שאָטנס

שאָטנס פֿון די גאַסן כאַפּן זיך אַרויף אויף אַלע טרעפּ,
לייגן זיך אויף אַלע שוועלן.
ווערן אָנגעצונדן רייכערדיקע פֿלעמלעך וואו ניט וואו,
מער דעם גאַנג נאָך צו פֿאַרשטעלן.

הייבן אָן צו קומען פֿון דער אַרבעט יונג און אַלט,
גייען, קוים די פֿיס זיי רירן;
טרעפּ נאָך טרעפּ, אַרויף-אַרויף, די שליסלען אין די הענט
עפֿענען — פֿאַרמאַכן טירן.

דורך די שפּאַלטן פֿון די דילן שפּאַרט אַ ריח פֿון געקעכץ,
זאַטע פֿייערן זיך צינדן.
עפֿענען זיך טירן ווידער. פֿיס נאָך פֿיס אַראָפּ — אַרויף,
גרינגע, גייע — און פֿאַרשווינדן...

אין קאַפע

זיצן מענטשן גרופּנווייס, רעדן, עסן, טרינקען טיי,
איינער עסט פון יוצא וועגן, און דער צווייטער עסט פאַר צוויי;
גיט זיך ווער אַ כאַפּ און שטעלט זיך — לאָזט אַ צווייטער זיך אַראָפּ.
ווער עס שטעלט אויס ביידע אויגן, ווער עס שאָקלט מיטן קאָפּ;
ווער די אויגן וויל באַהאַלטן און צוגעלאָזט זיי גלאַט אַזוי,
ווערן ענלעך אַלע אויגן — אויסגעגלאָצטע אויגן צוויי...

קלאַפּן טעלער, גאָפּל, לעפל. קלאַפּערייען גלאַט אַזוי;
איינער רעדט פון יוצא װעגן, און דער צװייטער רעדט פאַר צװיי;
איינער — מיטן גאַנצן קערפּער, און אַ צװייטער — מיט די הענט,
װער עס הערט מיט גרויס כּונה אויף די פּויסטן אָנגעלענט.
פּלוצלינג איינער זיך צעגענעצט און צעלאַכט זיך גלאַט אַזוי,
ערן פּנימער פאַרשװאונדן — קוקן אויגן טעמפּע צװיי...

באַפּיראָסן און סיגאַרן, און די לופט װערט פול מיט רויך.
קאַלטע פינגער אָפּגעלעבטע, אויסגעצויגענע און בלייך,
שפּרייטן, ציען זיך פאַמעלעך אין דער לופט פון װאַנט צו װאַנט,
פּייכטן, קלעפּעדיקן שימל שיט די אָפּגעלעבטע האַנט, —
טויטע װערטער, באַקעט-הוילע, שיטן זיך פון יעדנס מויל,
װערטער טויזנט מאָל גערעדטע, שוין צעװאַרעמטע און פויל...

פון די פענסטער װייסע שטראַלן װערן איינגעזאַפּט אין רויך.
עפּעס איינזאַמעס געפאַלן מיט אַ קלאַפּ איז פון דער הויך,
אויפן דיל זיך אויסגעצויגן — טרעט עס יעדער מיט די פיס...
אַלע האָבן ערגעץ הייזער — זיצן דאָך ביי פרעמדן טיש...
איינער נור אין פראַק, דער קעלנער, האַלט דעם קאָפּ געהויבן הויך,
שטייט פאַר זיך אַליין באַזונדער, װערט ניט אויסגעמישט אין רויך...

טונעל

היטעלעך אַלערליי פאַרביקע,
בלוזעס — פאַרשידענער שניט,
זאָקן צום לייב אָנגעצויגענע
ציטערן אויף מיין געמיט.

אין מיינע אויגן פאַרטונקלטע
לויפט דורך אַ ליכטיקע פרייד,
ווען נאָר אַ מיידל אַנטקעגן מיר
דעקט אויף דעם ברעג פון איר קלייד.

טראָגט מיך דער צוג דער עלעקטרישער
טיף פון טונעל צו טונעל, —
ביז עס ווערט ווידער פאַרלאָשן ווער
מיין אויפגעלויכטענע זעל . . .

דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען

דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען,
און דו ביסט נאָך ניטאָ;
איך וויקל מיך אין שאָטנס
פון אָומעטיקער שעה.

מען צינדט אין הייזער פייער
איך צינד קיין פייער ניט,
זאָל זינקען אין דער פינסטער
דער הויך פון דיינע טריט.

איך גיי דיר ניט אַנטקעגן,
איך שטיי ניט ביי דער שוועל;
די אָומעטיקע שטילקייט,
זי דרעמלט אין מיין זעל.

און וועסטו יאָ שוין קומען,
גיי ווייטער ניט פון שוועל, —
די אָומעטיקע שטילקייט
ניט וועק אויף אין מיין זעל.

אַרבעט זוכן

אַרבעט זוכן זענען מיר געגאַנגען
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.
פינסטער נאָך. די שטאָט האָט זיך געשלאָפן,
גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך געברענט.

האָבן מיר געקוקט מיט ביידע אויגן,
און אין פילע טירן זיך געקלאַפּט,
האָבן זיך שוין אַנדערע געפעדערט
און פאַר זיך די אַרבעט אויסגעכאַפּט.

זענען מיר אַהיים צוריק געגאַנגען,
און אין הויז צו קומען זיך געשעמט,
האָבן מיר געוואַנדערט איבער גאַסן
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.

אומגליק היט אונז

איך ווייס, עס וועט אַן אומגליק טרעפן
מיט אַלעמען, מיט מיר;
אין גאַס, אין שאַפּ דער אומגליק היט אונז,
ער ליגט ביי אונזער טיר.

עס וועט אַן על זיך איבערקערן,
וועט איינפאַלן אַ בריק;
וועט דער, וואָס האָט דעם על פּאַרשפּעטיקט
זיין אויסער זיך פאַר גליק.

וועט פריילעך זיין נור יענע רגע,
פאַרגעסן גלייך דאָס גליק:
עס קען זיך יעדער על צעברעכן,
קאָן פּלאַצן יעדער בריק...

פרעמדע

קום אַרונטער אין קעלער
צום פלאַמיקן ווײַן,
און לאָמיר, ווי פרעמדע
פאַרפרעמדעטע זײַן.

בײַ טישלעך זיך זעצן
אַליין פון דער ווײַט,
און וואַרפן אַ קוק ווען
אַזוי פון דער זײַט.

פון ווײַן אַ דערפרײַטע
דו גיסט מיך אַ רוף,
פון ווײַן אַ דערפרײַטער
פון אָרט שפּרינג איך אויף.

איך גיי צו, פאַרנויג זיך,
דו שטרעקסט אויס דײַן האַנט,
איך זאָג דיר מײַן נאָמען —
פאַר דיר ניט באַקאַנט.

עס לויפט דורך דײַן פּנים,
דער זײַד פון דײַן קלייד —
צעשאָטענע פונקען —
אַ פרייד נאָך אַ פרייד.

מיר זענען באַטרונקען
פון ווייַן און פון פרייד,
און פּלוצלינג מיר הערן
מען רעדט אויף אונז רייד:

— די קינדער געלאָזן
אַליין ערגעץ זיין,
פאַר מאַן-און-ווייב פּאַסט דען
זיין שכּור פון ווייַן?...

פאַרביי אונזער אויער
פאַרקערן די רייד;
אַלץ פאַרביקער גייט אויף
אויף אונז אונזער פרייד.

מיר האָבן זיך קיינמאָל
ביז איצט ניט געקענט,
און פרעמדע, מיר דריקן
דערגענטערטע הענט.

עס שוימט אין דער לופטן
דער זייד פון דיין קלייד;
עס דרייט זיך, עס דרייט זיך
די פאַרביקע פרייד...

אַ שטילע חתונה

כלי-זמר שפּילן אַ קאַדריל —
גייט ניט קיינער טאַנצן;
ווי געשטאַנען איז דער ווײַן
שטייט ער נאָך אינגאַנצן.

טרינקט שוין ווער אַ גלעזל אויס,
קען ער זיך ניט שטעלן;
די, וואָס קענען טרינקען פיל
אויף דער שמחה פעלן.

כלי-זמר שפּילן אַ קאַדריל
און זיי ווערן שטיל.

מחותנים שעמען זיך
איינער פאַרן צווייטן:
ווייסן ניט מיט וואָס דעם טיש
און פאַר וועמען גרייטן.

פּלוצלינג שטעלט זיך איינער אויף:
— וואָס איז זיך צו שעמען?
זאָלן אַלע ווער ס'איז דאָ
אין אַ שער זיך נעמען...

פּרוּוון כלי-זמר טון אַ שפּיל
און — זיי בלײַבן שטיל...

חתן-כלה שטאַרקן זיך
צווישן זיך צו רעדן;
בלייבט דאָך עפּעס ניט דערזאָגט
אויפן צונג בייביידן.

לויפט זיי דורך אַ ציטערניש,
שטעלן זיך אַנידער:
— זאָלן אַלע ווער ס'איז דאָ
טאַנצן נעמען ווידער!...

טוען כּלי זמר נאָך אַ שפּיל
און — זיי בלייבן שטיל...

האָבן זיך די צוויי דריי געסט
איילן אָנגעפּאַנגען,
איינס אין צוויי צעזעגנט זיך,
און אַוועקגעגאַנגען.

גאַנץ געבליבן איז די פיש
אין געציילטע פּאַנען,
שטייט דער וויין אין פלאַשן זיך
ווי ער איז געשטאַנען...

כּלי-זמר שפּילן לעצטן שפּיל
און — זיי ווערן שטיל...

צווישן מצבות

מען שלאָפט אונטער בערגלעך,
צוקאָפּנס — מלאכים פון שטיין.
איך האָב דאָ ניט קיינעם.
אַזוי זיך געקומען צו גיין.

מיין טאָג איז פאַרגאַנגען —
איך ווייס ניט וואוהין און ניט ווּאו;
ווי יעדער מצבה
איך היל זיך אין ווייסן און רו...

שטיל געוויין

ווילסט זאָל פאַלן אויף דיין פּנים
ציטעריקער שיין —
גנבע אָפּ זיך, קום אין אָוונט
אין מיין הויז אַריין.

איך וועל עפּעס דיר דערציילן
ביי דעם שיין פון ליכט,
ביז איך וועל באַמערקן טרערן,
צער אויף דיין געזיכט.

וועל איך מיר אַנטשוויגן ווערן
און דיך לאָזן גיין
דורך די איינגעוויגטע גאַסן
מיט דיין שטיל געוויין...

גרויסע, גרויסע

גרויסע, גרויסע ווערן מיינע אויגן,
איך אַליין — אַלץ שווערער;
אין דער פינסטער קוקן מיינע אויגן,
זע איך מערער, מערער...

שווערע וואָלקנס? ניט קיין שווערע וואָלקנס, —
עפּעס שווערער, שווערער.
קלאָרע שטערן? ניט קיין קלאָרע שטערן —
עפּעס קלערער, קלערער...

בײם ראַנד

אהער אהין

מיר גייען טרינקען ווײַן, די נאַכט אין טענץ פאַרברענגען,
אין אומבאַקאַנטע גאַסן לאָזן מיר זיך ווייט,
און ווער מיר זענען, וואָס — פאַרבאָרגן מיר פון פרעמדע לייט,
אויף אונזער מויל אַזויווי אויף דער טיר א שלאָס וואָלט הענגען.

ביז גרויסן טאָג . . . און פּלוצלינג הויבן מיר זיך אָן באַדענקען
און לאָזן איבער אַלץ און אַלעמען אין רעכטער צייט,
און שטילערהייט פון זאַל אַרויס מיר גנבענען זיך אָן דער זייט,
ווי קינדער אין דער פרעמד נאָך זייער היים וואָס בענקען.

אָט זענען מיר שוין בײַ דער היים. שוין אָפּגעשלאָסן,
די שטולן, טישן, ווייס אין שיין באַגאָסן,
זיי שטייען זיך ווי אַלעמאָל מיט שטויב באַצויגן דין;

די פרייד, וואָס אונזער האַרץ האָט פאַר דער נאַכט געגאָסן,
אַ צי גיט אונז צוריק, — מיט ליפּן פעסט געשלאָסן
מיר זעצן זיך אין שטול אַריין און וויגן זיך אהער אַהין,
אַהער אַהין.

מיין אומרו גייט מיר נאָך

מיין אומרו גייט מיר נאָך.
און מיינע פיס — אַזויווי מיט אַ שטריק פאַרצויגן;
געשטאַלטן דרייען זיך פאַר מיינע אויגן —
מיין אומרו גייט מיר נאָך...

איך נאַר אַליין זיך אָפּ,
איך נעם פון איין גאַס איילן אין אַ צווייטער —
איילט אויך, פאַרלויפט אַפריער מיין באַגלייטער —
איך נאַר אַליין זיך אָפּ.

איך זע, וואָס קיינער זעט —
און לויפן וויל איך ווייט פון די געשטאַלטן
און טיף פאַרגראָבן זיך און דיך באַהאַלטן, —
איך זע, וואָס קיינער זעט...

אַן אויסגעטראַכטער

און פּלוצלינג זע: ס'איז גאָר ניט דיָ,
א טעות גאָר,
ניט דיינע הענט, ניט דיין געזיכט —
אַ פרעמדנס גאָר;

און וואָס דו זעסט און וואָס דו טוסט —
אַ פאַלשער שפּיל;
אַן אויסגעטראַכטער וואַנדלסט אום
אָן וועג, אָן ציל.

דער אמתער איז ערגעץ ווייט,
איז איינגעדרייט,
איז איינגעשרויפט אין זיך אליין
ווי אין אַ קייט . . .

ער שלעפּט זיך ערגעץ נאָך דער קייט,
גייט טריט ביי טריט . . .
און וואו? ביז ווען? ניט ער, ניט ווער —
ווייס קיינער ניט . . .

פּאָרטרעטן און שטולן און שפּיגלען

פּאָרטרעטן און שטולן און שפּיגלען
פֿאַרשוואונדן אין רויך,
פּאָרטרעטן און שטולן און שפּיגלען,
און איך אַליין — אויך

אַ ביסל נאָך זע איך מיין אויסזען
אין שפּיגל צעשוואומט;
אַ ביסל נאָך זע איך מיין אויסזען,
צעדרייט און צעקרומט.

באַשערט מיר אויף זיך אַליין קוקן
מיט עקל און גרויל:
די אויגן מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן,
מיט שמייכל — דער מויל...

דיין דראָענדיקע האַנט

אין וועלכער גאַס איך קום
באַקאַנט צי אומבאַקאַנט, —
גייט טראַט ביי טראָט מיר נאָך
דיין דראָענדיקע האַנט.

אָט בלייב איך פּלוצלינג שטיין
און גיב אַ קער דעם קאָפּ:
דיין דראָענדיקע האַנט
איך זע זי פאַלט אַראָפּ.

ווי זאָל איך גיין צוריק,
ווי זאָל איך ווייטער גיין? —
אָן דיר, מיין בייזער גאָט,
בין איך אַליין, אַליין...

אַ פרוי

די טירן צוגעמאַכט, אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן,
דעם זייגער אָנגעשטעלט, דעם פייער אויסגעדרייט,
און אין דער פינסטערניש נאָך לאַנג געשמועסט שטילערהייט,
און זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט — איינגעשלאָפענע געוואָרן.

און פּלוצלינג טו איך זיך אַ כאַפּ פון שלאָף פאַרלאָרן, —
ווער ליגט עס לעבן מיר ביים זייט די האָר צעשפּרייט,
און ווי אַ צלם ביידע הענט פאַרוואָרפן אין דער ברייט,
און זעט אויס פרעמד אַזוי, דערווייטערט און פאַרפראָרן?...

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, איך גלויב ניט זיך אַליין:
איך צינד אָן פייער — יאָ: אַ פרוי, אי יונג אי שיין, —
ווי קומט אַהער אַ פרוי, פון וואַנען און דורך וועמען?

און מיט אַמאָל זאָגט ווער אַרויס מיין נאָמען דורך די ציין,
און עפּעס נאָנטעס, טיפעס הויב איך אָן פאַרשטיין —
אַ האַנט אַ וואַרעמע האָט אָנגערירט מיר ביי די ברעמען...

נידעריקער

אויף מיין פנים נעמט זיך באַווייזן
לאַנג באַזיגטע ליידן,
ווען איך וויל נאָר עפענען די ליפּן
עפּעס וואָס צו ריידן.

ווי אַ בליץ לויפט דורך אַ ציטער
איבער מיינע ברעמען.
הייבט מיין קול אַליין מיך אָן צו שרעקן,
מיך אַליין פאַרשעמען . . .

דאָס געזאָגטע וואָרט נעמט אויף מיין האַרצן
ווי אַ שטיין זיך לייגן,
נידעריקער, נידעריקער צו דער ערד צו
זינקען מיינע אויגן . . .

קום צוגיין

האָב אויסגעפּוצט מיין צימער ריין,
און ליכט האָב זיך געקויפט,
געפלאָכטענע אין צווייען.
דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג אַנטלויפט,
פאַרבלייבן מיר אין צווייען.

עס ברענען רויט די ווייסע ליכט,
דער טיש איז קלאָר באַצויגן;
וועט רויט און ווייס זיין דיין געזיכט
און פּייערדיק — די אויגן;
וועסט זיצן קעגן מיין געזיכט
מיט פייערדיקע אויגן...

עס וועט אין גאַס פאַרביי ווער גיין
און קוקן מיט אַ וואונדער:
מיר זענען נאָנט און דאָך אַליין,
ווי וועלטן צוויי באַזונדער, —
ער וועט אַוועק. מיט אונז אַליין
געשען וועט אַ וואונדער...

פאַרלעשן זיך דערווייל די ליכט
און ווערן ווערט אונז גרינגער;
וועל דריקן דיך צו מיין געזיכט
מיט ציטערדיקע פינגער;
וועל דריקן זיך צו דיין געזיכט
און קושן דיינע פינגער...

קאַלטע רו

קאַלטע שטראַלן ציען זיך פֿון שויב,
גיסן אָן מיין האַרץ מיט קאַלטע רו,
גליקלעך זיין איז גוט און ניט זיין — אויך.
בעסער נאָך פֿון אַלץ — מיין קאַלטע רו.

אויפֿן שפּיגל שפּילט אַ ווייסער האָז,
קלאַפּט אַ ווינטל אין די פֿענסטער צו,
ציט אַ רויך זיך פֿון מיין פּאַפּיראָס,
ווערט דער רויך פֿאַרפֿאַלן ערגעץ וואו...

ציילט פֿאַר זיך דאָס זייגערל: טיק-טאַק,
ניט פֿאַר מיר — איך צייל ניט די מינוט,
וואויל דעם גליקלעכן, דעם אומגליקלעכן אויך,
מיר נאָך מער פֿון אַלעמען איז גוט...

וואַרט אויף מיר

וואַרט אויף מיר אין ערגעץ וואו ניט איז,
קענסט זיך שטעלן ביי אַ פרעמדער טיר;
גייענדיק פון הויז צו הויז וועל איך
טרעפן שוין וואו וואַרטן וועסט אויף מיר.

צאַלע הייזער זענען פאַר אונז גלייך,
אַלע טירן עפענען זיך ברייט:
וואו מיר זאָלן ניט אַריין — אַ באַנק
וועלן מיר געפונען אָנגעגרייט...

די בוימער שטייען נאַקעטע

די בוימער שטייען נאַקעטע, דעם ברייטן וועג
פון לערן פּאַרק אַ נעבל האָט פאַרהאַנגען,
און הייט אין רויך אין ווייסן איז די זון פאַרגאַנגען,
אַלץ פינסטערער דער הימל ווערט פון ברעג צו ברעג.

אין לערן פּאַרק פאַרברענג איך שוין פילע טעג —
מיך אַרט דער זומער ניט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען:
אין שאָרך פון געלע בלעטער הער איך נאָנטע קלאַנגען —
פאַרפירן זיי מיך ווייטער, טיפער אַלץ פון שטעג צו שטעג.

איך גיי — איך דאַרף צו קיינעם דאָך ניט קומען,
צו וואָס דער שאָרך, דער קלאַנג? אין שווייגן דורכגענומען,
איך האַלט אָפּ מיינע טריט און לאָז דעם קאָפּ אַראָפּ;

די נעבלען ווערן מיט אַמאָל צעזייט, צעשוואומען,
אַ ליכטיקע לבנה איז אַרויסגעקומען —
און גוט איז מיר צו שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

אילוזיאָנען

די שעה זאָל די בייזע ניט קומען —
פאַרנאַריש איך זיך און די וועלט,
און מיט אַ פאַרפראָסטיקטן גלעזל
די אויגן האָב איך מיר פאַרשטעלט.

פאַרלוירן דעם גרענעץ פון זאַכן,
צעמישט זייער פאַרב און קאָליר;
געזיכטער און שטימען און אויגן —
נור אילוזיאָנען פאַר מיר.

איך וויל טראַכט איך אויס פאַר זיי נעמען,
אין בלוט און אין פלייש טו זיי אָן;
און זיך טו איך אויס פון מיין נאָמען,
אַליין ווער איך — — אילוזיאָן...

צעצויגענער קלאַנג

כ׳האָב ליב די פיר ווענט פון מיין הויז,
פון פענסטער דעם ווייסן גאַרדין,
אין וויג-שטול פון ברוינלעכן האָלץ
איך וויג מיך אַהער און אַהין.

צוויי פישלעך — זיי שווימען זיך אום,
אין ווינקל — אַ הילצערנע קראָ;
איך וויג מיך און צי אין דער שטיל:
— די מיטנדערנאַכטיקע שעה...

די וועלט און די הויז און די נאַכט,
זיי זענען פאַראַן און ניטאָ...
כ׳האָב ליב דעם צעצויגענעם קלאַנג;
— די מיטנדערנאַכטיקע שעה...

פ יי ע ר

און פלוצלינג אַזוי ווי איך זיץ,
איך ווייס ניט פון וואַנען — עס ברענט,
די ווייסע גאַרדינען, דער טיש,
דער וויג-שטול און אַלע פיר ווענט.

עס קנוילט זיך אַ פלאַמיקער שלאַנג,
צעשפרייט זיך און נעמט זיך צונויף...
געוויינען, געשרייען: עס ברענט –
דערטראָגן צו מיר זיך פון הויף.

איך זיץ מיר אין ברענענדן שטול,
און וויג מיך אַהער און אַהין,
עס פאַלט אויף מיין קאָפּ, אויף מיין האַרץ
דער אַש פון ווייסן גאַרדין...

אַראָפּ און אַרויף

אַראָפּ און אַרויף,
אַראָפּ און אַרויף
וואַנדערט מיין זעל
איינע אַליין,
יונג — און אַזוי שוין פאַרעלטערט,
אַלט — און אַזוי ניט געדולדיק.

יאָרן,
און אפשר שוין צענדליקער יאָרן,
איך וואַרט אויף איין איינציקער רגע.
און ווען וועט זי קומען
די איינציקע רגע,
די לעצטע?...

ד אָ ר ט בין איך לאַנג שוין געוועזן,
ד אָ בין איך אויך שוין געוועזן
מיט יאָרן צוריק,
און אפשר נאָך היינט...
גיי איך אַוועק
און קום ווידער...
ד אָ ר ט האָב איך גאָרנישט פאַרלוירן,
ד אָ האָב איך גאָרנישט געפונען..

שטילער,
מיין האַרץ האָט אַ פולע געשריגן
און — גאָרנישט...
שווייגן? —
מיין האַרץ האָט אַ פולע געשוויגן
און — גאָר נישט...

עס לעשט זיך

עס לעשט זיך, עס לעשט זיך
אַ ליכט נאָך אַ ליכט;
דער הימל — אַזוי ווי
אַ בלינדער געזיכט.

עס ציט זיך, עס ציט זיך
אַ רעגן ווי פעך,
און שיט ווי מיט שטיינדלעך,
מיט שטיינדלעך אויף בלעך.

און איינער אין רעגן
גייט אום איבער הויף,
פאַרגייט זיך אין יאָמער;
און איך — שטיי ניט אויף..

זי וויינט

זי וויינט, און איך — איך בין פאַראייזט, פאַרפרוירן,
איך לעז ביז ענדע דורך דעם בריף פון טויט.
אָט האָב איך אים פאַרמאַכט, אָט ווידער אויסגעשפּרייט
און קוק, ווי האָט זיך ניט אַ קאָמאַ וואו פאַרלוירן . . .

און האָבן האָט איין מוטער אונז געבוירן.
נאָר מיך פון אייגענע האָט עמעץ אָפּגעשיידט;
און זע: ביז וואַנען צו מיין אויג אַ טרער דערגייט
איז זי אין וועג פאַרגליווערט שוין געוואָרן . . .

זי וויינט. זי האָט אַ בייע קלייד גענומען טראָגן,
באָר שטאַרקער איז איר טרויער און איר קלאָגן -
זי זעצט זיך אויפן דיל, פאַרגעסט זיך אויפן קלייד

די נאַכט זי גייט, פאַרשווינדט, אָט הויבט שוין אָן צו טאָגן,
און איך לעז ווידער דורך דעם בריף און הער, דוכט, אײנעם זאָגן
— דו זעסט, ווי קונציק איז דער „טית" פון טויט פאַרדרייט . . .

איך בין אַ צוויי־געשטאַלטיקער

איך בין אַ צוויי־געשטאַלטיקער און אַ פאַרקערטער,
איך בין אַ טיף־פאַרדאָרבענער פון טאָג און טעג,
און קיינער זעט ווי קרום עס איז דער וועג
פון מיינע טריט, פון מיינע ניט דערזאָגטע ווערטער...

איך ווייס: דער צווייטער איז אין מיר אַן אויסגעקלערטער,
אַ הונט, וואָס יאָגט נאָך מיר אַליין זיך אין געיעג;
מיר דוכט זיך אָפט: ער איז מיין איינציקער פאַרמעג,
ער איז מיין האַר, מיין פירער, מיין באַשערטער...

זאָל זיין אַזוי. די מענטשן זעען סיי ווי ניט,
און איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צו קרומע טריט,
וועל איך מיר שוין אַ צוגעוואוינטער ווייטער אַזוי לעבן;

נור גלויבן גלויב איך דאָך, אַז גאָט, וואָס היט
דעם צדיקס וועג, וועט אויך זיין געטלעכן געמיט
ניט אָפּקערן פון מיר, דעם רשע, און — פאַרגעבן...

אַ זעהונג

אין דער נאַכט איך זע אַ זעהונג:
איבער גאַס און איבער מויער
אין אַ ווייסן פייער-וואָגן
יאָגט צו מיר דער גאָט פון טרויער.

שטעלט אַוועק זיך מיר צוקאָפּנס
האַלט אין האַנט אַ ליכט געצונדן;
בענטשט מיך: זיי פון היינט און אייביק
אין פאַרגאַנגלעכקייט פאַרשוואונדן.

אין געפאַלנקייט פאַרלוירן,
אין דערנידערונג פאַרלאָזן;
אָט איך ריר דיר אָן די ברעמען
און זיי ווערן צוגעשלאָסן.

ווי איך ליג אַ שלאָפנדיקער,
נעמט ער אויף די הענט מיך טראָגן
איבער קאָפּ אַ צוגעדעקטן
צו זיין פייערדיקן וואָגן...

אויסגעגאַנגען אַלע ליכט

דורך די שויבן קוקט זיך דורך
אַ פאַרעלטערטער געזיכט,
ווי אַ שאָטן טאַנצט עס אום
מיט די צאַנקנדיקע ליכט.

בלאָנדע האָר און זעגען גראָ,
אין די אויגן קאַלטער שיין,
און די ליפּן אויפגעפּרעסט, —
זאָל עס דען אַליין איך זיין?

טעג און נעכט איך וואַרט אויף דיר,
דאַרף דאָך ווען אַן ענדע זיין, —
זע, די ליכט זיי גייען אויס,
קום פאַרעלטערטער, אַריין.

דורך די שויבן קוקט זיך דורך
אַ געשטאָרבענער געזיכט...
אויסגעגאַנגען אַלע ליכט,
אַלע צאַנקנדיקע ליכט...

שפעטער

אַ וואַזע לאַנג און דין ווי אַ שוואַנען-האַלז,
און אין דער וואַזע האַלב צעדאַרטע בלעטער; —
איך קוק אויף דעם, און פּלוצלינג, דוכט זיך מיר, איך זאָג
ביט ווייסנדיק אַליין צו וועמען: שפּעטער, שפּעטער...

אין שטוב איז שטיל, דער פייער וויגט זיך קוים,
איך לעז פאַרשריבענע פּאַפּירן, לעז און בלעטער,
מיין מויל פאַרמאַכט, און ווידער דוכט זיך מיר, איך זאָג
ביט ווייסנדיק אַליין צו וועמען: שפּעטער, שפּעטער...

דערהער איך מיט אַמאָל: מען גראָבט אַ גרוב,
און מיט אַ האַמער ווערן צוגענעגלט ברעטער;
איך ליג שוין אויף דער ערד אַרום געשטעלט מיט ליכט,
און מיינע ליפּן בעטן אַלץ און בעטן: שפּעטער, שפּעטער...

ב י י ם   ר אַ נ ד

איך ציַנד אָן געשטאָרבענע פֿייערן,
איך — מוטיקער שטאַרבנדער באַר;
דורך טרויער דורך מיַינעם און אייערן
איך קום צו צום ראַנד פֿון געפֿאַר.

איך קום, און דער שיַין דער פֿאַרגאַנגענער
פֿון אָוונט ער לויכט אויף מיַין קאָפּ,
ער דעקט אָפּ מיַין זעל דער פֿאַרהאַנגענער,
לאָזט ווידער דעם פֿאָרהאַנג אַראָפּ.

איך שטיי און איך וואַרט, אַ דערוויַיטערטער
פֿון זיך און פֿון אייך, ווען דער טויט
דורך טרויער ווי איך אַ געליַיטערטער
וועט געבן אַ ציַיכן: זיי גריַיט.

איך גלויב אין מיַין טויט דעם באַזונדערן,
איך מיַיד ביַיט דעם ראַנד פֿון געפֿאַר; —
וואָס קומט איר ביַיט נענטער באַוואונדערן,
דעם מוט פֿונם שטאַרבנדן באַר?

צעריסן די פעדים

צעריסן די פעדים, וואָס בינדן צונויף,
צעלאָפן מיר זענען פון אייגענעם הויף,
צוזאַמענזיכקומען מיר קענען ניט מער —
וואָס קומסטו אַהער?

האָט איינער דעם צווייטן געטריבן פון שוועל,
געקוקט מיט פאַראַכטונג דעם צווייטן אין זעל,
די איינזאַמקייט האָט אונז פאַרדאַרבן נאָך מער —
וואָס קומסטו אַהער?

און דער, וואָס האָט אויסלייזן אונז צוגעזאָגט —
ווער ווייס וואו ער געכטיקט, ווער ווייס וואו ער טאָגט;
ער ווערט אַלץ פאַרגעסן, דערווייטערט נאָך מער —
ער קומט ניט אַהער...

וואָס וועט עס זיין פון דיר

... וואָס וועט עס זיין פון דיר, אייביקער אומגליק דו מיינער?
ביז וואַנען אַזוי ווי אַ בליי אויף דער ערד וועסטו ליגן,
ביז וואַנען אין זינלאָזן טרויער זיך רו וועסטו זוכן,
דיין טאָגיקן לעבן אין פינסטערניש וועסטו פאַרוויגן? ...

דיין טרויער, ער האָט דיך ביז היינטיקן טאָג נאָך צו קיינעם
דערנענטערט.
צו קיינעם דערנענטערט, פון זיך — ניט דערווייטערט, צו מיר
ניט דערהויבן;
דו וואַקסט איבער זיך, און דיין אויג איז דאָס אויג פון אַ בלינדן,
דיין געשריי איבער זיך — פון אַ שטומען, דיין געהער פון אַ טויבן.

צו וואָס איז געגליכן דיין לעבן אויב ניט צו אַ שאָטן,
וואָס ווערט אינם שיין פון פאַרנאַכט אין דער ווייט אויסגעצויגן,
אַזוי ווייט, אַזוי גרויס ביז עס ווערט פון אים גאָרנישט מיט
גאָרנישט
אַפילו דעם שיין, וואָס פאַרגייט פאַרפעלן צו זען דיינע אויגן...

די נאַכט האָט די לענג פון דיין שאָטן איינגאַנצן פאַרנומען,
דיין לעבן עס האָט אַלע גרענעצן, ליניען פאַרלאָרן; —
און גיי מיט אַן אויג, וואָס איז בלינד דיינע גרענעצן זוכן,
גיי רוף מיט אַ צונג, וואָס איז שטום דיינע טעג און פאַרלוירענע
יאָרן!...

און צוואָס איז דאָס רופן? צי וועט דאָס צוריק אומגעקערטע
באַליכטיקן מערער דיין טאָג, וואָס וועט אָפּשטאַרבן מאָרגן?
צי ווערסטו אין אָפּשיין פון דיינע געפונענע וואונטשן
באַשטראַלן מיט פאַרביקייט מער דיינע וואָכיקע זאָרגן?...

אונזער פאַרלוירענער נאָמען

מענטשן מיר פרעמדע און ווייטע
ווערן אין אומגליק מיר גאָנץ;
אונזער פאַרלוירענער נאָמען
ווערט נאָר אין אומגליק דערמאָנט.

פירן אונז צענדליקער וועגן
ביז צו איין איינציקן וועג,
פירן אונז צענדליקער שיפן
ביז צום איין-איינציקן ברעג.

דאָרט ביי דעם איינציקן אָפּשטעל
וואַרט שוין דער פיינט און ער היט,
צייכנט פאַרבאָרגענע צייכנס,
רעכנט און ציילט אונז די טריט...

ביז צום דערווייטערטן שטערן
טוט אונזער אויג זיך אַ הויב, —
אונזער באַגלייטנדער שטערן
ליגט שוין מיט אונז אויך אין שטויב...

ווי אַ פאַרצוקנדער פויגל
פלאַטערט אַרויף און אַראָפּ
אונזער געשטאָרבענער נאָמען
דרייט זיך אַרום אונזער קאָפּ...

דער סוף פון דער וועלט

בײַ דעם שוועל פון מײַן הויז איז דער סוף פון דער וועלט.
טרעט איך אָפּ פונם שוועל בין איך טויט,
אַזוי איך, אַזוי דו און די זון וואָס פאַרגייט,
מיט אַ שײַן אין אַ שויב און פאַרגייט.

האָט אַ פײַער פון גאָט אָנגעצונדן די וועלט,
ניט פאַרברענט נאָר קען ווערן מײַן הויז,
ווײַל פאַרשלאָסן אין מײַנע געטרײַע פיר ווענט
בײַ איך קיינמאָל פון טיר ניט אַרויס.

מיט דער פײַער זיך קנוילן אַרום און אַרום,
נאָר ער האָט ניט פון וואַנען אַרײַן:
פון איין ווינקל צום אַנדערן אַליין גײ איך אום
אַ באַשטראַלטער מיט פלאַמיקן שײַן.

און אַז לאַנגווײַליק ווערט מיר דאָס אומגיין הין-הער
און די רויטקייט פון פלאַמיקן שײַן —
אַלע פענסטער פאַרהענג פון אויבן אַראָפּ
מיט אַ רוהיקן האַרץ שלאָף איך איין . .

אַז איך כאַפּ זיך פון שלאָף אויף, דערזע איך: שוין אויס,
אַלע מענטשן און לענדער פאַרברענט,
איין און אײנציקער איך בין פאַרבליבן — מיט מיר
מײַנע גוטע געטרײַע פיר ווענט.

איך צעעפן דאַן ברייט אַלע פענסטער, די טיר
און איך לאָז אויף דער וועלט זיך אַוועק:
איין פאַנאַנדערגעבלאָזענער גרוי-אַש פאַרדעקט
אַלע לענדער פון עק ביזן עק.

גיי איך אום און איך ווייס ניט צו וואָס גיי איך אום,
ביז איך נעם מיט די אייגענע הענט
און לייג אונטער אַ פונק און צינד אונטער אַליין
מײַנע גוטע געטרײַע פיר ווענט.

שטיי און קוק ווי עס פאַלן אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט,
עס פאַרלעשט זיך דער אײנציקער שײַן;
אַ באַפרייטער פון אַלץ, אַן ערלייזטער פון אַלץ
אויף דער אַשיקער ערד שלאָף איך איין . . .

ניט אַהין

ניט צום קריג, צום געשלעג
ניט צום מענטשן-געיעג, —
ניט אַהין פירט מיין וועג,
ניט אַהין פירט מיין וועג.

מיט טראָמפּייט ניט באַגלייט,
אָן אַ זייט, שטילערהייט,
פירט מיין וועג מיך צום טויט,
צו מיין אייגענעם טויט.

באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ,
ווער איך מיד, שטעל זיך אָפּ, —
פאַלט אַרונטער מיין קאָפּ,
פאַלט אַרונטער מיין קאָפּ.

טוט מיין קאָפּ זיך אַ הויב,
זע איך: פינסטער פון שטויב
פירט דער קריגער זיין רויב,
פירט דער קריגער זיין רויב...

אַן אַרבײַ ווי איין מאַן,
און די פערד אין געשפּאַן,
איינס נאָך איינס אין געשפּאַן,
איינס נאָך איינס אין געשפּאַן.

מיט אַמאָל ווערט דער שווערד
און דער מאַן און דער פערד
אויסגעמישט מיט דער ערד,
מיט דער שטויביקער ערד...

כ׳טו א מאַך מיט מיין האַנט
אויף דעם בלוטיקן לאַנד:
— ניט מיין רום, ניט מיין שאַנד,
ניט מיין רום, ניט מיין שאַנד...

און איך לאָז מיך אַוועק
מיטן זייטיקן וועג
צו פאַרענדן די טעג,
מייַנע איינזאַמע טעג...

ערגעץ

װעגן געלאָדן מיט ביקסן, קאַנאָנען און קוילן;
מענטשן מיט אויגן פאַרשטויבטע מאַרשירן אין רייען;
שטיל די מוזיק און געזאַנגען, מען הערט קיין באַפעלן;
נאָר װײַטע פאַרבאָרגענע ערגעץ פאַרשטיקטע געשרייען . . .

מען זעט ניט קיין פירער פאָרויס; אַלע פירער זיי זענען
פאַרלוירן געגאַנגען אין שלאַכט פון די טיפע טראַנשייען.
געפירט פון דער פינסטערער נאַכט אין די דרעמלענדע אויגן
מאַרשירן אין ערגעץ אַליין די פאַרשטויבטע אַרמייען.

שעה איין און שעה אויס אָן אַן אָפּשטעל, די פערד ווי די מענטשן,
געדולדיקע, מידע, זיי שלעפּן די מאַסע פאַר צווייען,
די גלאַנציקע אויגן האַלב-אָפּן פאַרלאָפן מיט טרערן.
זיי גייען אַהין וואו עס גייען די שטומע אַרמייען . . .

די נאַכט ווערט אַלץ קלערער און העלער, דער טאָג קומט אַנטקעגן,
אַלץ נענטער עס ווערן די ווייטע פאַרשטיקטע געשרייען . . .
עס האָט זיך אין מזרח די זון נאָך קיין האַלבע באַוויזן,
שוין ליגן אין גריבער פאַרשאָטן די שטומע אַרמייען . . .

טויט און בלוט און פייער

אַ פאַרלוירענער אַרום מיין הויז, אַ ניט געוואַגטער
דרייסט זיך אום;
זעץ אַרויס די שויבן, ברעך אַרויס אַ טיר
און — קום.

דיינע שטאַמלענדיקע ווערטער אויפן ווינט
צעטרייב,
שנייד זיך איין מיט דיינע אָנגעשאַרפטע נעגל
אין מיין לייב.

צי דעם שווערד אַרויס אויב דיינע נעגל זענען טעמפ
און — שנייד ; —
טויט און בלוט און פייער... ביזן לעצטן אומגליק
לייד...

פאַרביי אַ טיפֿער גרוב

פאַרביי אַ טיפֿער גרוב בין איך געגאַנגען,
זיך אָפּגעשטעלט און איינגעבויגט דעם קאָפּ;
צוויי הענט האָב איך דערזען אין טיפֿן אָפּגרונט,
זיי הייבן זיך, זיי לאָזן זיך אַראָפּ.

דערשרעק איך זיך און טו אַ שפּרונג אויף הינטער,
די הענט נאָך מיר, ווי ווייסע שלאַנגען צוויי;
איך לויף פֿון זיי און וואָס איך לויף אַלץ שנעלער,
דערנענטער איך נאָך מערער זיך צו זיי.

אַ רגע — און זיי האָבן מיך געפֿאַנגען,
אַרומגעכאַפּט, אַריינגעשלעפּט אין גרוב...
און פּלוצלינג זע: ניטאָ קיין הענט, קיין שלאַנגען, —
אַ גאַס, אַ שטוב, אַ גאַניק פֿון אַ שטוב...

וואונדערלעך

מײַן שטוב איז פֿול מיט אומבאַקאַנטע מענטשן,
און אײַנגעטונקט אין צויבערלעכן ליכט,
און קײנער ווײסט ניט ווי מען רופֿט דעם צווײטן,
און שעמעוודיק איז יעדערנס געזיכט.

צעזעצן אַלע זיך בײַם טיש און זיצן
און נעמען זיך צום שטראַלנדיקן ווײַן;
און מיך, דעם באַלעבאָס פֿון הויז, באַמערקט ניט קײנער,
ווי שטיל און פֿרעמד איך בין אין שטוב אַרײַן.

קומט אָן דערנאָך מײַן פֿרוי, באַמערקט מיך אויך ניט,
ווי אַלע געסט איז זי פֿון מיר אויך ווײַט.
און מיר ווערט עפּעס גוט צו זײַן אַ פֿרעמדער,
בײַ זיך אין הויז צו קוקן פֿון דער זײַט . . .

און ביסלעכווײַז דער ווײַן ווערט אויסגעטרונקען —
צעלײגן אַלע זיך און שלאָפֿן אײַן,
פֿאַרנעמען אַלע בעטן, בענק און שטולן,
און מיר — ביז טאָג נאָר וואַכעדיק צו זײַן . . .

איך לײג מיך אויף דער ערד אַוועק און טראַכט מיר:
— ווי וואונדערלעך דער מאָרגן וועט נאָך זײַן . .
און אויפֿן האַרטן שוועל דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן,
אַ וואַרטנדיקער רויִק שלאָף איך אײַן . . .

די געזונקענע שיף

איך זע אַ באַשרייבונג אין צייטונג, אַ בילד:
„די געזונקענע שיף"
איך לייג אָן אַ זייט אָפּ די צייטונג, פאַרגעס
די געזונקענע שיף.

אין טומל פון טאָג גיט אַ בליץ מיר אין קאָפּ ווען ניט ווען
די געזונקענע שיף, —
דערהער איך סיגנאַלן — זיי שיקט פונם אָפּגרונט צו מיר
די געזונקענע שיף.

אין מיטנדערנאַכט, ווען איך שלאָף, נעמט זיך וואַקלען מיין הויז
ווי אַ זינקנדע שיף,
איך שריי דורכן שלאָף: ווי קען ווערן אַ הויז אויף דער ערד
ווי אַ זינקנדע שיף? —

נאָר ווער וועט דערהערן די קולות פון איינעם, וואָס שטאַרבט
אין אַ זינקנדער שיף,
און איך אַליין גלויב ניט, אַז איך בין דער איינער, וואָס שטאַרבט
אויף אַ זינקנדער שיף.

און פּלוצלינג דערהער איך סיגנאַלן פון ים-גרונט, מיך רופט
די געזונקענע שיף;
איך הער אויף צו שרייען, איך ווייס שוין: די ערד איז אַ ים
און מיין הויז —
אַ געזונקענע שיף...

א י י ב י ק

אַ פרייד האָט זיך אין האַרצן מיר צעגאָסן,
דערזעענדיק די טויטע אויסגעווייינטע אויגן,
אַ פרייד נאָך מער, וואָס איך בין ביי אַ וואַנט געשטאַנען
און ניט געהאַט אַוואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן;
דערנאָך האָב איך זיך פאַר מיין פרייד גענומען שעמען,
געוואָלט אין ערגעץ וואו זיך לאָזן שפּאַנען, —
נור אויסגעלייגט מיט מענטשן איז די ערד געוועזן —
בין איך שוין שטיין געבליבן ווי איך בין געשטאַנען;
איך האָב דעם פּנים נור צום וואַנט אַ דריי געגעבן
און האָב צו זיך געזאָגט:
— איינזאַם בין איך, איינזאַם איז מיין לעבן, —
אייביק...

די צייט איז זיך געגאַנגען שטיל און לאַנגזאַם,
און אַלע קראַנקע, מידע זענען איינגעשלאָפן, —
איז לייכטער מיין געמיט אין מיר געוואָרן
און פריי פון עפּעס וואָס אויף עמעצן צו האָפן;
איך האָב צוריק אַ דריי געטון דעם פּנים,
געקוקט ווי אַלע אָטעמען און ליגן, —
איז מיר דער שלאָף מיט קאַלטע הענט באַפאַלן
און אַלע זייטן מיך גענומען וויגן, וויגן.
אַט הויב איך אויף דעם קאָפּ און בויג צוריק אים איין
און מורמל ווי אין חלום:
איינזאַם בין איך, איינזאַם וועל איך זיין,
אייביק...

איך האָב געדרעמלט שטייענדיק, און יעדע רגע
האָט עמעץ מיך געריסן פאַר די אויגן;
איז גרויס אויף מיר און גרעסער נאָך מיין קאָפּ געוואָרן,
ווי שטריקלעך שטייף די שלייפן אָנגעצויגן.
איך האָב פון ווינקל זיך אַ ריס געגעבן פּלוצלינג
און איבער קעפּ און הענט געגומען שפּאַנען,
און כּרעטנדיק אויף קעפּ איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן.
איך מוז זיך שטעלן ווידער, ווי איך בין געשטאַנען,
איך האָב צום ווינקל זיך אַ דריי צוריק געגעבן
און דורך די ציין געזאָגט:
— איינזאַם בין איך, איינזאַם איז מיין לעבן —
אייביק...

דער טאָג האָט זיך גענומען גרויען, ווערן העלער;
איך גיב אַ הויב דעם קאָפּ, איך זע אַ וואונדער:
עס זענען אַלע לאַנג פון שלאָף שוין אויפגעשטאַנען,
אַוועק, און מיך אַליין געלאָזט באַזונדער...
די מזרח-שטראַלן צינדן זיך אַלץ רויטער,
נאָר בלייכער איז דער מעריב זייט אַנטקעגן;
און מיט אַמאָל ווערט אַלץ מיר קלאָר, איך לייג אַוועק זיך
דער קאָפּ אַראָפּ, אַזוי ווי איך בין ביז אַהער געלעגן,
אַ דורכגעליכטיקטער, מיט שטאַרבנדיקע ליפּן
ביים לעצטן אָטעם זאָג איך:
— איינזאַם בין איך, איינזאַם איז מיין לעבן,
אייביק...

רעגנבויגן

איבער מיר גייט אויף אַ רעגנבויגן, —
דער טייך, וואָס פירט צו מיין געהיימען לאַנד;
דעם זעגל אויף מיין שיף האָב איך שוין אָנגעצויגן,
האָב וועסלעס זיבנפאַרביקע אין האַנט.

דער וועג אַהין שטראַלט דורך דורך מיינע אויגן,
און בויגיק איז דער אָרם פון מיין האַנט;
באַך איידער עס פאַרגייט דער רעגנבויגן,
דערגרייך איך צו די ברעגן פון מיין לאַנד.

פאַרגאַנגען איז שוין לאַנג דער רעגנבויגן,
איך וואַרף אַוועק די וועסלעס פון מיין האַנט,
מיט זיבן טויטע פאַרבן אין די אויגן
געפאַנגען ליג איך אין מיין אייגן-לאַנד . . .

אינהאַלט

1. ערגעץ ווייט

	זייט
ערגעץ ווייט	7
אין אַ שטיבל	8
אין אַ ציידן העמדל	9
יונגלווייס	11
דער בייזער טאַטע	12
טעג — זיי גייען	14
אַזוי פיל גליק	15
ס'וועט קיינער ניט ווערן געהרגעט	16
מיינס	17
אין יעדנס האַרץ	18
זייט טרויעריק מענטשן	19
דו זאָלסט צו מיר	20
גאָרטן-בלעטער	21
אַ שטיקל פּאַפּיר	22
צו דיין הויז	23
פאַרלעשט אַלע פייערן	24

	זייט
מאָרגן־שיין	25
נאָך אַלעמען	26
אַ חלום	27
שלאָף, שלאָף	28
קיינער וועט ניט קומען	29
קלאַפּט אַ ווינט	30
די וועלט איז גרויס	32
אַ פּראַקטיקער ווינט	33
וואוהין	34
די נאַכט איז פינסטער	35
אויפן זאַמד	36
זע איך	37
ווייט צו די וואָלקנס	38
אין דער טיפעניש פון נאַכט	39
ביז וואַנען	40

2. הינטערן שלאָס

די שויבן פאַרמויערט	43
וועכטער	44
ניטאָ מער קיין טרערן	45
די באַרע איז קורץ	46
בין שולדיק, בין שולדיק	47
פון ווינקל צום ווינקל	48
ביז די ברעם	49
עמעצער זאָגט מיר	50
דאַכט מיר	51

	זייט
ביכער געלעזענע	52
קלינג-קלאַנג	53
אין הויף איז אַ שטורם	54
איינגעשמידטע זענען מיר	55
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט	56
גנבע אַרויס מיך	57
יעזוס	58
זייט געזונט	59
איבער וועגן	60
גוט אַזוי	61
געטרייער גאָט	62
פאַרשלאָסענע אויגן	63
בין מוחל	64
ווייל אַלע גייען	65
דאָס ליד פון פאַרגיין	66
מען האָט אונז געלאַדן	67
וועט מיין קאָפּ	68
לאָזט שוין לייוויקן צורו	69
שטילער	70

3. אין שב

אויף די וועגן סיבירער	73
סאָלדאַטן	74
מוטע וועגן	75
נאָכאַנאַנד	76
שטיל אויף די סטעפּעס	77

	זייט
לעצטע שטראַלן	78
אַ חורבה	79
אין דער פינסטער	80
אַליין	81
נאָך אַ טאָג	82
גייט מען זיך לאַנג	83
אַ גוטע נאַכט	84
זילבער שנור	85
שטערן, חעלף און בערן	86
אַ האַנט	87
אַ ליידיקער שליטן	88
אַ דריטער	89
אַ דאָרף, אַ דאָרף !	90
פרעמדע	91
וואַרעמער אויוון	92
טיי	93
לעצטע טיר	94
ניט בלייב אַליין	95
גלעקלעך	96
מיין פריינד	97
שעה נאָך שעה	98
קאַלטער ווייַן	99
אין זומערדיקן לאַנד	100
רויך	101
אַנטשוויגן געוואָרן	102
באַר	103

זייט

העי, ציגיינער 104
אָפּגענאַרט 105
רויטע טראָפּן 106
אין בלוט מיינע הענט 107
איך בין דאָ 108
אַ קוש 110

4. לעכערלעך און שעמעוודיק

אויפן וואַסער 113
ים-געשטאַלטן 114
פּאַרשפּעטיקט 115
איך האָב געזען 116
נאָדלען 117
געפאַנגען 118
לעכערלעך 119
לייג דיין קאָפּ 120
מען דאַרף ניט קיין פייער 121
און איצט צינד אָן פייער 122
איבער גאַסן 123
נאַכט און רעגן 124
ווי אין חלום 126
אין ווייסער נאַכט 127
אויף די פייערן 128
אייזערנע 129
העסטער 130
שאָטנס 131

	זייט
אין קאַפע	132
טונעל	134
דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען	135
אַרבעט זוכן	136
אומגליק היט אונז	137
פרעמדע	138
אַ שטילע חתונה	140
צווישן מצבות	142
שטיל-געוויין	143
גרויסע, גרויסע	144

5. ביים ראַנד

אַהער-אַהין	147
מיין אומרו גייט מיר נאָך	148
אַן אויסגעטראַכטער	149
פאָרטרעטן און שטולן און שפיגלען	150
דיין דראָענדיקע האַנט	151
אַ פרוי	152
בידעריקער	153
קוּם צוגיין	154
קאַלטע רו	155
וואַרט אויף מיר	156
די ביימער שטייען נאַקעטע	157
אילוזיאָנען	158
צעצויגענער קלאַנג	159
פייער	160

זייט

אַראָפּ און אַרויף	161
עס לעשט זיך	163
זי וויינט	164
איך בין אַ צווייגעשטאָלטיקער	165
אַ זעהונג	166
אויסגעגאַנגען אַלע ליכט	167
שפּעטער	168
ביים ראַנד	169
צעריסן די פעדים	170
וואָס וועט עס זיין פון דיר	171
אונזער פאַרלוירענער נאָמען	173
דער סוף פון דער וועלט	174
ניט אַהין	176
ערגעץ	178
טויט און בלוט און פייער	179
פאַרביי א טיפער גרוב	180
וואונדערלעך	181
די געזונקענע שיף	182
אייביק	183
רעגנבויגן	185